STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06442

PRINTS RUVENI

David Bergelson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרינץ ראובני

דוד בערגעלסאָן

פרינץ ראובני

דראַמע אין פיר אַקטן — זעקס בילדער

איקוף פאַרלאַג

געדרוקט אין 2,500 קאָפּיעס.

D. BERGELSON — PRINTZ REUVAINI, Published by Yiddisher Kultur Farband (Ykuf), 189 Second Ave., N. Y., 1946

Printed in U. S. A.

400

דאָס בוך איז דערשינען

מיט דער הילף פון

דעם יידישן קולטור־טוער

סידני גאָלדין

שיקאַגע

לזכרון זיינע טאַטע־מאַמע

חיים-לייב און שרה-רבקה

דוד בערגעלסאָן

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

ראובני — אַ מזרח־ייד.

דאָגאָ פירעס (שלמה מולכו) — אַ יונגער פּאָרטוגאַלער מאראן.

דון שמואל אברבנאל — (דון יצחקס יונגסטער זון) — אַ באַ־יאָרטער און פרומער.

בענוועניִדא — זיין פרוי, נאָך גאָר אַ יונגע.

דניאל דא פּיזאָ — אַ באַנקיר.

דיאַמאַנטאַ — זיין פרוי.

שבתי — ראובניס פריינט, וואָס שפּילט די ראָל פון אַ דינער ביי ראובנין.

דינה — אַ יונגע דינסט.

פויפּסט קלעמענס דער זיבעטער.

קאַרדינאַל דזשוליאָ — אַן עלטערער מענטש.

עלצטער דאָמיניקאַנער — דעם קאַרדינאַל דזשוליאס פלימעניק.

דר. יעקב מאַנטינאָ — אַ ראַטגעבער ביים פויפּסט.

ר׳ עמנואל — אַ פרומער נעגעציאַנט אין ווענעציע.

ר׳ יחיאל — זיין מעקלער.

מלחמה־אינוואַליד — פּליטים פון צווייטן שפּאַניער

קופּערשמיד — גירוש אין ליסאַבאָנער האַפן

ר׳ אמנון — דער קדוש.

שליח פון קעניג קאַרל.

שליח פון קעניג פראַנציזקא.

וואַטיקאַן־דינער.

צייט: ערשטע פערטל פון זעכצנטן י**אָרהונדערט.**

בילד איינס — אין מיטן ים.
בילד צוויי — פּיזאָ (אין װענעציע)
בילד דריי — אין װאַטיקאַן.
בילד פיר — װענעציע.
בילד פינף — אין װאַטיקאַן.
בילד זעקס — ליסאַבאָנער האַפן.

ערשטער אַקט

בילד איינס

א צעוויגטע שיף באַלויכטן אין נאַכט־פינצטערניש מיט פאַקלען, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין אויפגעשטורעמטן ים. אויפן שיף־דעק טוליען זיך דער־שראָקענע מענטשן איינער צום אַנדערן. ווי פּיראַטן זעען אויס די מאַטראָסן, וואָס שטייען אַקעגן אין שפּיץ מיטן קאַפּיטאַן און מיטן עלצטן דאָמיניקאַנער, וועלכער האַלט ווי צו א תּפילה, דעם צלם אין די הענט. ביי דער זייט עטלע־כע צוקוקנדיקע פּאַסאַזשירן.

קאַפּיטאַן

פאַרוואָס, פרעגט איר, פאַרוואָס ? — ווייל איר זייט יידן !

עלצטער דאָמיניקאַנער

(שטילט איין די לאַכנדיקע מאַטראָסן)

דער ייד — ער איז, ווי שטויב, וואָס ווערט צעטראָגן
אין אַלע עקן וועלט. אַליין דער שטורעם
לאַכט אָפּ פון אים, אָט הערט : ס׳איז גאָטס געלעכטער —
ס׳איז זיין נקמה, בעת דער זינדיקער
קומט אום. און איר — טוט תשובה, ברידער !

קאַפּיטאַן

(צו די מאַטראָסן)

די עלטערע אין ים דאָ וואַרפן, רויבט
ביי זיי דאָס גוטס. די יינגערע טיילט אויס —
אין לאַנד אין נאָענטן מיר וועלן זיי
ווי קנעכט פאַרקויפן.

קופּערשמיד

(דער ערשטער פון די יידן, ווען די מאַטראָסן טוען אים א כאַפּ)

מערדער איר ! פאַרוואָס ? . . .

(די מאַטראָסן וואַרפן אים אַריבער אין באָרט און נעמען זיך צום צווייטן אין דער ריי — אויפן ערשטן בליק איז דאָס אַן אַלטע פרוי, מען רייסט אַראָפּ פון איר די שאַל. ס׳איז א יונג מיידל — דינה.)

מאַטראָס

אַ יונגע! ?...

קאַפּיטאַן

גוט! מיר וועלן זי פֿאַרקויפֿן...

דינה

(רייסט זיך פֿון די מאַטראָסנס הענט)

אין ים מיך וואַרפֿט. איך וועל קיין קנעכט ניט זיין!

(מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו די צוקוקנדיקע פּאַסאַזשירן)

נו שטעלט זיך איין פֿאַר אונדז, איר פֿיינע לייט,

נו שטעלט זיך איין!

דאָנאָ פּירעס

(דערנעענטערט זיך פֿון צווישן די פּאַסאַזשירן)

וואָס קומט דאָ פֿאָר ביי אייך?

איר טוט דאָ אומרעכט, קאַבאַליעראָס!

דינה

נאָך קאַבאַליעראָס!... גוטע רייד צו אונדז

גערעדט זיי האָבן דאָך: „אומזיסט פֿון שפּאַניע

פֿאַרטריבן האָט מען אייך, אומזיסט ווי חיות

פֿאַרשפּאַרט מען אייך ביי אונדז אין ליסאַבאָן

אין לאַגער־היים!”... געשוואוירן דאָך זיי האָבן:

אויף אָט דער שיף זיי וועלן ברענגען אונדז

אין לענדער פֿרייע, וואו מען שעצט דעם יידן.

(פֿאַלט פּירעסן צו די פֿיס)

אָ, האַר! באַשיץ אונדז דו!

דאָמיניקאַנער

(באַזייטיקט דינהן פֿון פּירעסן)

און איר ווער זייט?

פּירעס

איך בין פּירעס פֿון פּאָרטוגאַל

קאַפּיטאַן

(צום דאָמיניקאַנער)

איך ווייס!

ער האָט די קעניגן לאַטיין געלערנט,

אין ליסאַבאָן אין לאַנדסגעריכט, אין העכסטן

פאַרנעמט ער גאָר אַ גרויסע שטעלע.

דאָמיניקאַנער

אַן עכטער פּאָרטוגאַלער מאַן, און דאָך...

פאַר זיי — פאַר יענע, וואָס לויט גאָטס געבאָט

מיר ראָטן אויס, עס שטעלט זיך איין פּירעס —

דער פרומער קריסט!?...

(דערנענטערט זיך מיטן צלם צו פּירעסן. פּירעס טרעט אָפּ)

דינה

(זיך אויסגעריסן פון די מאַטראָסן, שפּרינגט ארויף אויפן בארט פון שיף)

אין קנעכטשאַפט שוין איר וועט מיך ניט פאַרקויפן!

(זי וואַרפט זיך אין ים. די מאַטראָסן כאַפּן זיך אריינוואַרפן יידן אין וואַסער. אין צווייטן עק פון שיף־דעק ווערט באַלויכטן אַ בלאַסע פרוי אין ווייסן מיט אַ נאַקעט קינד אויף די הענט. אַ מאַטראָס דערשרעקט זיך פאַר איר אויסזען, ווי פאַר אַ הייליק בילד, נאָר לאַכט זיך פאַנאַנדער און וואַרפט זי אַריבער איבערן בארט אינאיינעם מיטן קינד)

פּירעס

(טוט זיך אַ יאָג ראַטעווען די פרוי, נאָר באַוויזט ניט און פאַלט צו צום בארט)

„אים" איינמאָל בלויז האָט מען געקרייצט, און מיך

דער ליגן הערט ניט אויף צו קרייצן טאָג

נאָך טאָג... מער קען איך ניט!

(בינדט אויף גיך אָפּ אַ הענגענדיק שיפל און לאָזט זיך אַראָפּ מיט דעם פון שיף)

ערשטער אַקט

בילד צוויי

פונעם גארטן אין שלאָס ביים באַנקיר דא פּיזא זעט מען ארויס דעם הימלדיקן האַפן ביים אַריינפאַלן פונעם טייך אַרנא אין ליגורישן ים. פון ווייט קוקט אַרויס די מערמל־שטיינערנע קאַלאַנאַדע פון דער קאַטעדראַלע מיט די ראַפּטיסטעריעס, וואָס העכער די שטאָט־דעכער. אויף דער טעראַסע פון שלאָס זינגט מען אַ דועט, באַגלייט מיט דער מוזיק פון אַ האַרפע. די הויז־אויפ־זעערן ד י נ ה — אַ יונגע מיידל מיט אַ שלאַנקער אומרואיקער פיגור פון אַ טענצערן, דרייט זיך אויף דער הויפּט־אַלייע אונטער דער מוזיק, וואָס דער־טראָגט זיך פון שלאָס (פון דער טעראַסע) און רעדט דערביי צום נייעם דינער ש ב ת י ע ן:

דינה

וױ באַר די זון פּאַרגייט, אַזוי האָט זי
באַפוילן, די לאַמטערנס אָנצינדן
זאָלסטו אויף דער אַלייע. אַלע מאָל,
ווען אויף גאַנדאָלעס געסט באַוויליקן,
אַהער צו קומען, קלינגען זאָלסטו שטאַרק
אין דעם־אַ גלאָק.

שבתי

די ווירטן האָט אַזוי
באַפוילן, זאָג: ווי רופט מען זי ביים נאָמען ?

דינה

זי רופט מען ווירטן דיאמאנטא, ווייס !
און דו ווי הייסט ?

שבתי

דאָ אויף דער פריי ? — שבתי.
מיג׳ועל האָט מען מיך גערופן דאָרט . . .
אין פּאָרטוגאַל.

דינה

פֿאַרוואָס־זשע קרימסטו זיך אַזוי דערביי ?

שבתי

געוויינטשאַפֿט, קינד — דעם לץ האָב איך געשפּילט
אין ליסאבאָנער גרויסן צירק, דעם לץ —
דעם סאַמע ערשטן לץ.

דינה

(דערפֿרייט)
דעם לץ ? ! . . . איז קלאָר
פֿאַרוואָס די שטעלע פֿון דעם עלצטן דינער
געקראָגן האָסטו אַזוי גרינג אין שלאָס.
זי ליבט די קונסט און נאָר באַרימטע מענטשן.

שבתי

זי ליבט די קונסט, האָסטו געזאָגט ? נו ווער ?
די ליבע, גוטע ווירטן דיאמאנטא ?

דינה

אָך, ניין ! — איר פֿריינדן דאָנא בענווענידא,
די הויכגעשעצטע, וואָס פֿאַרברענגט ביי איר
צוגאַסט אַצינד. מיט עפּעס זיין באַרימט
איצט מוזן אַלע דאָ, אַפֿילו מיר —
די קנעכט.

שבתי

אַזוי ? ! . . . בין איך דאָך, הער־נאַר־הער,
אַ שטיקל נאָענטער צו איר . . . אין גייסט . . .

דינה

איך אויך ! אינאיינעם מיט אַ ווילדער מענגע
קאָמעדיאַנטן כ׳האָב אין פּאָרטוגאַל
פֿון פֿריער קינדהייט אָן אַרומגעוואַנדערט.
די טענצערן און טרעפּערן בין איך
ביי זיי געווען. ביסטו אַ לץ ! הער אויס,

פאַראויסזאָגן איך קען דיין מזל דיר,
דו ווילסט ?

(טאַנצט און זינגט)

וועגן ווייטע שטייען דיר פאַר,
פול מיט שטיינער, פול מיט דערנער.
שווערער ווערט דיר יאָר נאָך יאָר
און דיין ציל אַלץ ליבער, גערנער.

(פאוזע).

אַ מענטשן איינעם דו באַגלייטסט
אין אָט דער צייט דער שרעקלעך שווערער.
אויף אים דו האָפסט, אין אים דו גלויבסט
מיט יעדן טאָג אַלץ פעסטער, מערער.

(דרייט זיך, ווי א ווירבער)

פרעג איך ביי די שטערן,
וואָס פון דעם וועט ווערן.
הער מיט קאָפּ מיך אויס
כ׳זאָג עס דיר פאַראויס :

(פאוזע)

דער מענטש, וואָס איז דיר אַזוי טייער

(פאַלט אריין צו שבתין אין די ארעמס)

פאַרברענען וועט מען אים אין פייער !

שבתי

אין פייער ! ? . . .

דינה

(שטרעקט אויס די האַנט)

איז שענק דערפאַר אַ דרייער . . .

(לאַכט פריילעך, נאר בלייבט מיטאַמאָל שטיל און הערט זיך צו צום זינ־גען און צום שפּילן פון די מענטשן אויף דער טעראַסע פון שלאָס).

„קיין פוס אויף דער יבשה וואָלט קיינמאָל ניט געטראָטן.
ווען גאָר מיין בראָך באַווייגן זאָלן מיינע אויגן.
נאָר ניט מיט נחת אָליין דער אָפּמאָך איז געשלאָסן,
און אויך מיין טרער פאַרהאַלטן ווערט דורך פאַרב פון רעגנבויגן״.

שבתי

מען זינגט . . . איבן־עזראס ליד ! . . . עס זינגט זיך; זיי די יידישע באַנקירן !

דינה

דיאמאנטא שפּילט, עס זינגען בענוועניד

און ער — דער יונגער גאַסט פון ליסאַבאָן.

שבתי

ווי הייסט ער דען ? — איז ניט זיין נאָמען דאגאָ פּירעס ?

דינה

פּירעס ! . . . פון וואַנען ווייסטו עס, דו לץ ?

באַפּוילן האָט די ווירטן אַלע שטרענג,

ניט אויסצוזאָגן, וואו ער וואוינט און מיר —

ניט אויסצופּלאַפּלען, אין קיין פאַל, אַז מיך

און יידן אַנדערע געראַטעוועט

ער האָט אין שיפל זיינעם יענער נאַכט.

שבתי

אין וועלכער נאַכט ?

דינה

ווען אונדז באַרויבט עס האָבן

אויף זייער שיף די ווילדע פּאָרטוגאַלער

און אונדז דערנאָך אין ים אַריינגעוואָרפן.

שבתי

אהא !

דינה

פּירעס ! . . . ווי שיין און ליב ער איז !

פאַרליבט איז ער אין דאָנא בענווענידא

פון יונגע יאָרן נאָך. איך האָב געהערט,

ווי זיי אין גאָרטן האָבן היינט פון דעם

גערעדט. זי איז אברבנאל דון יצחקס

אַ פרומע שנור, און ער — אַ פרומער קריסט . . .

שבתי

אַ קריסט ? . . . און דו, דו גלויבסט ? . . . כאַ־כאַ !

דינה

זיי שטיל
און שווייג דו דולער לץ ! דו ווייסט דען ניט ? . . .
די אינקוויזיציע מיט אירע דינער . . .
אַט הער ! . . . אַט הער ! . . .

(ביידע הערן זיך איין אין די ווייטע קלאַנגען פון דער קאַטאַדראַלע)

שבתי

איך ווייס : זיי רוען ניט
אויב דאָ אין פיזאַ, ווי אין גאַנץ ווענעציע.
צורן זיי לאָזן כלומרשט שוין דעם יידן,
און דאָך צום שייטער פירן זיי אַוועק.
מאַראַנען פון די פּאָרטוגאַלער פּליטים,
וואָס קומען דאָ צו יידן און זייבען זיך
מגייר.

דינה

מיינסט מיט דעם, אַז אויך פּירעס ? . . .

שבתי

דו קינד ! ניט ער דער איינציקער האָט דאָרט
זיך אויסגעגעבן פאַר אַ קריסט. פיל־פיל
געביטן האָבן דאָרט דאָס רענדל, ווער —
פון מורא, ווער — אויף ערדיש גליק . . . געהאַנדלט
פאַרקויפט דעם טאַטן, און זיך אַליין דערצו.

דינה

און דו וואָס לאַכסט ! דו לץ אַזוינער, א ?
ביסטו דען ניט, ווי איך, געוועזענער
מאַראַן, און ניט געטראָגן האָסטו דען
צווישן קריסטן פון אַ קריסט די פעל ?

שבתי

נו יאָ, מאראַן בין איך געווען . . . בייטאָג —
געזונגען כ׳האָב אין קלויסטער און ביינאַכט
געשפּילט דעם לץ אין ליסאַבאָנער צירק.
אַ פיינער לץ בין איך געווען — אַן עכטער!
דעם יידן האָב איך נאָכגעקרימט: אַט־אַט! . . .
און גלויב מיר, קינד, דעם אמת זאָג איך דיר,
הנאה גרויסע כ׳האָב דערפון געהאַט.

דינה

הנאה! . . . שעם זיך כאָטש! דער גאַנצער ציו׳ק
האָט דאָך דעם יידן אויסגעלאַכט אין דיר!

שבתי

אַט זעסטו . . . ווער פון וועמען האָט געלאַכט —
איז נאָך דערווייל ניט קלאָר — עס איז אַ פראַגע.
אַ ייד . . . אַ ייד ווער איז? די ראָל פון לץ
ער שפּילט שוין זייער לאַנג ביי גאָרער וועלט,
ער גייט און פאַלט, שטייט אויף און פאַלט באַנייס,
און אַלע קוקן, קייכן פון געלעכטער,
ניט אויפשטיין לאָזט מען עס נאָך אַלץ, דאָס פאָלק
דאָס יידישע און ניט מען לאָזט עס פאַלן,
אַפילו ווען עס בעט זיך שוין: נו, טוט
אַ טובה מיר און לאָזט מיך ווערן אויס . . .

דינה

פאַרוואָס?

שבתי

אַ שפּיל אַזאַ! — עס ווילן פעלקער
פון מאָל צו מאָל דערפילן זייער גליק,
ווי דער גביר, ווען ער דערזעט פאַר זיך
דעם קבצן.

דינה

דאָס וועט מער ניט זיין. אַ סוף
וועט מאַכן איצט דער גרויסער גאַסט, וואָס ווערט
אין שלאָס דאָ היינט דערוואַרט.

שבתי

דערוואַרט ? . . . נו, ווער ?

דינה

דער פרינץ דער יידישער.

שבתי

דער פרינץ ראובני ?

דינה

ראובני ! . . . דו האָסט אויך געהערט פון אים ?

שבתי

אַ נייס ! ווער האָט דען ניט געהערט פון אים —
דעם וואונדערלעכן פרינץ פון קיניגרייך
דעם יידישן פון וויטן לאַנד כאַבור,
אויף יענער זייט דעם ים דעם רויטן ?

דינה

זאָג :
וואָס נאָך האָסטו געהערט פון אים ? נו זאָג ! . . .

שבתי

פון מלך דוד שטאַמט ער און זיין ברודער . . .
זיין ברודער יוסף איז דאָרט איצט דער קעניג,
דעם מלך אויף די שבטים גד, ראובן
און האַלב מנשה.

דינה

(הערט זיך צו צום פליעסק פון רודערס אויפן וואסער)
מען קומט ! . . . מען פירט אים שוין אַהער, **דעם גאַסט . . .**

נו, גיכער . . . קלינג אין גלאָק, אַזוי איז דיר
באַפוילן.

(שבתי קלינגט).

דינה

(קוקט צום ברעג)

וויי ! אין שיפל זע איך בלויז
דעם באַלעבאָס דא פּיזאָ און מיט אים —
זיין פריינט דון שמואל אברבנאל, אָט זע :
עס איז זיי ניט געלונגען גאָר דעם גאַסט
דעם גרויסן היינט אַהער אַראָפּצוברענגען !

שבתי

מיין קינד ! אַ פּרינץ אַ יידישער איז פּאָרט
אַ פּרינץ. אויך אים שטייט אפשר גאָר ניט אָן
צו פריינדלען זיך מיט יידן, ווען אַפילו
פאַר אים די בייטלען עפענען זיי ברייט.

(פירט זיי אוועק)

(פונעם צוגעשוואומענעם שיפל קומט ארויס דער באלעבאס פון שלאס דניאל דא פיזא — א וואוקסיקער מיט א שווארצער שפאנישער בארד. מיט גרוים חשיבות פירט ער אונטער דער האנט דעם גרא־באוואקסענעם דון שמואל אברבנאל, וועלכער ווארפט זיין קאפ צום הימל נאך יעדע פאר ווערטער, וואס ער רעדט אוים).

דון שמואל

דער מאַן, זאָג איך, איז רעטעניש און גאָר . . .
אַ רעטעניש און גאָר — זיין האַלטן זיך,
זיין ניט־געוויינלעך פּנים — אָן אַראָפּ !
דערצו נאָך זיין פאַרגרייזט העברייאיש ריידן . . .

דא פּיזאָ

און דאָך . . . געוואָגטקייט פון אָן עכטן פּרינץ
און מוט פיל קוקט אַרויס פון זיינע אויגן.
געגומען האָט ער מיך מיט דעם אין רוים נאָך
ביים פּויפּסט אין הויף, וואו איך צום ערשטן מאָל
האָב אים דערזען, קלוגשאַפט פון אַ קעניג
דערפילט איך גלייך אין אים, ביים ערשטן בליק.

דון שמואל

דאָס אַלץ איז וואָר, נאָר ר׳ דניאל, מיין פריינט !
דעם אמת מוז איז זאָגן אייך, מיין ליבער,
איך בין אַ מענטש אַ גלויביקער, אַ פרומער.
אין תלמוד לערנען צווישן פיל רבנים
איז מיר אַוועק מיין וועלט. די אויסלייזונג
די יידישע, בין איך געוואוינט צו גלויבן,
מוז קומען, יאָ ! — נאָר סיידן פון אַ קראַפט
אַן אומנאַטירלעכער : פון גאָט אַליין
דעם אומבאַגרייפלעכן, ווייל אומבאַגרייפלעך —
דער זין פון לייד און פיין ביי אונדזער פאָלק,
ווי אומבאַגרייפלעך איז, פאַרוואָס מיר בלייבן
ביז היינט אַ פאָלק. אַזוי געגלויבט האָט אויך
מיין פאָטער, ער — דון יצחק דער מיניסטער,
צו ברכה זאָל זיין נאָמען זיין דערמאָנט.
אין הייליקן אין לעצטן ספר זיינעם
האָט ער משיחס קומען מיט רמזים
פאַראויסגעזאָגט. און דאָ מיינט איר, מיין פריינט,
אַז העלפן יידן קען אַ קראַפט אַן ערדישע
אַ מענטש, וואָס זאָגט אַליין : איך בין קיין נביא,
קיין נביאס זון, פון נסים ווייס איך ניט.

דא פיזאָ

און דאָך קיין מענטש קיין פראָסטער איז ער ניט.
איך בין אַן עדות, ווי מיט אים אין רוים
האָט זיך געוויגט דער גאַנצער וואַטיקאַן.
אַליין דער פויפסט קלעמענס האָט אים ביי זיך
מיט כבוד גרויסן ליבלעך אויפגענומען,
אין בייזיין פון די עלצטע קאַרדינאַלן
אים אויסגעהערט און די פאַפירן זיינע
צום קעניג יאהן דעם פאָרטוגאַלער גלייך
אַוועקגעשיקט, ער זאָל זיי אַפּראָבירן.

דון שמואל

פּאַפּירן ? פּאַפּירן, וואָס אין זיי איז קלאָר
דערוויזן, אַז אַ יידיש לאַנד אַזאַ
איז ווירקלעך ערגעץ־וואו פאַראַן ?

שבתי

(קלעטערט אויף א לייטערל, צינדט אן דעם נאענטן לאמטערן און זינגט דערביי).

יאָ, אַ לאַנד אַזאַ פאַראַנען,
עדות ? — אַלטע קאַפּיטאַנען,
וואָס אינאיינעם מיט דע גאמען
וועגן דורך די ווייטע ימען
קיין אינדיע האָבן דורכגעלייגט.

דא פּיזאַ

דאָס איז מיין נייער דינער — אַ מאַראַן.
ער איז אין ליסאַבאָנער צירק אַ לץ
געווען.

(צו שבתין)

וואָס האָסטו נאָרוואָס דאָ געזונגען ?

שבתי

(אראפגעשפרונגען פון לייטער, פארנייגט זיך)

גאָרנישט, האַר, ס׳איז גלאַט אַזוי.
כ׳בין אַ ליסאַבאָנער ייד,
יעדעס קינד און יעדע פרוי,
זינגט דאָרט האַרציק אָט דאָס ליד.

דון שמואל

פאַרוואָס־זשע רעדט ער עפּעס אַלץ מיט גראַמען ?

שבתי

פאַרגיט מיר, מיינע הערן: אַ לץ . . . געווען !
זיך צוגעוואוינט אַזוי פון לאַנג צו ריידן.

(ביים ארייננאנגס־טירל, דאס קול פון דינהן, וועלכע לאזט ניט ארײן אין גארטן צוויי מענטשן אין שפאנישע קליידער).

איינער פון די צוויי

(אפשטופנדיק דינהן)

כאַ־כאַ! געמומען פעסטונגען האָב איך
ניט איינמאָל, נעמען כ׳וועל געוויס אויך איצט
די פעסטונג אָט די קליינע . . .

אַ צווייטער

(צו דינהן)

לאָז אַריין.

דינה

(זיך דערשראָקן פאַר אים)

דער קופּערשמיד! . . . דו האָסט זיך אויך געראַטעוועט?! . . .

קופּערשמיד

זיי שטיל! . . .

דאַ פּיזאַ

שבתי! די לייט וואָס זיינען דאָרט?

(שפּאַנט אַרום, שמועסנדיק מיט דון שמואלן)

שבתי

(אוועק צו די צוויי געסט, שעפּטשעט זיך מיט זיי דורך)

ערשטער

פון פרינץ געשיקט אַהער.

צווייטער

באַשטעלט האָט אונדז
דער פרינץ, אַ זעאונג דאָ נאָך היינט אין אָוונט.

שבתי

פון דעם קיין וואָרט ניט קיינעם מער!

(פירט זיי צו צו דע פּיזא און דון שמואלן)

פון שפּאַניער פּליטים. ער — אַ קופּערשמיד
און דער — מלחמה־אינוואַליד, אַן אָרט
צו נעכטיקן אויף זייער ווייטן וועג
זיי זוכן ערגעץ דאָ ביי יידן.

דא פּיזאָ

בײַ ייִדן ?

און זייער רייזע־ציל אין וואָס באַשטייט דען ?

שבתי

אַ מקלט צו געפינען פאַר די ייִדן,

פון ליסאַבאָנער האַפן.

דון שמואל

און אחינו

בני־ישראל זײַנען דאָרט נאָך פיל

פאַראַן ?

קופּערשמיד

אַרום דריי הונדערט טויזנט ייִדן.

דון שמואל

פאַרשפּאַרט ווי פריער אין האַפן ? שטרענג באַהיט ?

קופּערשמיד

געוואָרן איז אונדז גרינגער זינט דער פּרינץ

איז פון זײַן ייִדיש לאַנד אַהער געקומען.

דא פּיזאָ

מען פּייניקט ניט דעם ייִדן אַזוי אָפט ?

אינוואַליד

אַ ביסל אָפּשיי פאַרט באַקומען. מ׳שמועסט :

די ייִדן האָבן ערגעץ דאָך אַ לאַנד !

דון שמואל

אַזוי ? !

דא פּיזאָ

שבתי, דו געסט זײַ מכניס־אורח.

(שבתי פירט אוועק די צוויי געסט)

דא פיזאָ

איר זעט, מיין פריינט : דער פרינץ — ער איז
אין מויל ביי אַלע שפּאַניער פּליטים, יאָ־יאָ !
אַדאַנק זיין קומען האָט מען אָן מאָטיוון
אין פּאָרטוגאַל די נייע יידן־גזירות
צו שטאַנד שוין ניט געבראַכט און דאָרט נאָך אַלץ
די אינקוויזיציע ניט איינגעפירט.
נאָר אים צו דאַנקען גיט דערויף דער פויפּסט
קיין בולע ניט אַרויס. און נאָך אַ זאַך :
צו וויסן האָט מען מיר געגעבן איצט
פון ליסאַבאָן, אַז מיין פאַרמאַכטן באַנק־הויז
דערלויבן וועט מען מיר איצט ווידער פירן.
אגב . . . די הויכגעשעצטע בענוועניִדא
איז גרייט צו האָבן שותּפות אין מיין באַנק.

דון שמואל

מיין פרוי — מיט אייך אין באַנק אַ שותּף ? ! . . .

(פון שלאָס קומען צו די ווירטן דיאמאנטא מיט דאָנא בענוועניִדא, וואָס הערט ניט אויף אויסצוהעפטן אַ פּאָז, און מיטן פּאָרטוגאַלער יונגן מאַראַן דאָנא פּירעס)

דיאַמאַנטאַ

אַליין גאָר זייט איר, אָנעם פרינץ ? . . . אומזיסט
געגרייט זיך ? שוין־זשע וועט ער היינט צו אונדז
ניט קומען ?

דא פיזאָ

זיי ניט בייז, מיין אשת־חיל.
ער איז קאַפּריז, דער גרויסער גאַסט — אַ פרינץ !

בענוועניִדא

פאַרגיט מיר, זאָגט : ער האָט די איינלאַדונג
אַצינד גלייך אָפּגעלייגט ?

דון שמואל

ס'איז שווער צו וויסן . . .

דא פּיזאָ

באַווייזן זיך בייטאָג אין גאַס איז אים
באמת ניט צום האַרצן, ניט צום האַרצן . . .

בענוועניד

איר מיינט, אוודאי, — איבער די מאַראַנען ?

דא פּיזאָ

ער האָט געזאָגט : זיי רינגלען אים אַרום,
זיי קושן אים די הענט און רופן אים
„משיח, אונדזער האַר און אויסלייזער !"

דון שמואל

אגב, האָט איר באַמערקט, ווי ס'ערגערט אים
דאָס וואָרט „משיח ?" . . .

בענוועניד

ס'איז פאַרשטענדלעך מיר :
פאַר אים און פאַר די יידן פון זיין לאַנד
איז דער משיח לאַנג געקומען שוין.

פּירעס

אַזוינער איז פאַר מיר ניט מער קיין ייד.

דון שמואל

אין דעם, זעט איר, סינאָר פּירעס, בין איך
מיט אייך אינגאַנצן מסכים.

(שפּאַנט אוועק, שמועסנדיק מיט פּירעסן, אַלע קוקן אים נאָך).

בענוועניד

אַך, נעבעך, נעבעך ! . . . פרומער ווערט פון טאָג
צו טאָג, אָט דער מאַראַן, וואָס קערט זיך אום
צוריק צו יידן ! . . . פאָרט, צי קומט צו אונדז
דער פּרינץ ?

דיאַמאַנטאַ

צי האָט אַ זין אויף אים צו וואַרטן ?

דא פּיזאַ

ער האָט ניט אָפּגעזאָגט.

דיאַמאַנטאַ

אַלס ווירטן דאַרף איך דאָך דאָס וויסן!

(גייט אוועק).

דא פּיזאַ

אָט זעט איר, דאָנאַ בענווענידאַ, אייער
געשעצטער פרומער מאַן — מיין ליבער פריינט,
איז ביז אַצינד נאָך אַלץ אין גרויסן ספק
צי ס׳האָט אַ יידיש קעניגרייך אַ שטאַרקס
פון אַלטע צייטן ווירקלעך זיך פאַרהיט.

דון שמואל

(אומגעקערט זיך)

כאָטש, ווי אַ ייד אַ פרומער, גלויב איך אַלץ,
אַז ערגעץ לעבן פריי נאָך די אונדזערע
צען שבטים.

בענווענידא

גלויבן אויפהערן גראָד איצט,
ווען נאָך קאָלומבוס רייזע הערט מען אַלץ
ניט אויף פיל נייע לענדער צו געפינען?

דון שמואל

אַך יאָ, מיין פרוי, ביי דיר האָט מען געפועלט,
מיט יידיש קעניגרייך האָט דיר פאַרשמעקט,
ווי נאָר דו האָסט ראובנים נאָמען דאָ
צום ערשטן מאָל דערהערט; ביסט אַלץ נאָך יונג,
מיין ליבע פרוי, עס רעדט פון דיר אַרויס
דיין היימיש־זיין אין הויף ביי אונדזער פירשט
דון פּעדראָ דע טאַלעדאָ, ווען מענס טעכטערל
און קרוין דו האָסט פון קינדווייז אָן געטריי
דערצויגן. האָסט מיט יידן־פרעמדער שטימונג

ביי זיי זיך אַנגעשמעקט. אויף אדומס פויסט,
אויף זיינע אינקוויזיציע־רציחות,
אַזוי וואָלט זיך דיר וועלן, זאָלן יידן
אים ענטפערן מיט זייער פויסט. ס'איז ניט
אין אונדזער גייסט, מיין ליבע פרומע פרוי,
דערויף איז אונדזער פאָלק אַן אויסדערוויילטס.

בענווענידא

די אויסדערוויילטקייט ! . . . כ'וואָלט זי זייער גערן
נאָך היינט אַ פאָלק אַ צווייטן אָפּגעטראָטן
כאָטש אויף אַ קורצער צייט.

(אויסנייענדיק די פאַז, גייט זי אוועק מיט דער אַלייע).

דון שמואל

אָט זעט : מיין פרוי . . .
ווי שטארק זי ליבט עס איבער די פאַרפאָלגונג
פון פאָלק. זי האַלט עס פּשוט פאַר אַ שאַנד,
ווען מיר, ביי אַלע צרות, זאָגן דאָך
מיט שטאָלץ, אַז ווען אונדזער גאָט האָט ליב,
דעם יעניקן באַשטראָפט ער שטרענג.

דאָ פּיזאָ

א שיינקייט !
מיט האַרץ און קאָפּ אַזוי פון גאָט געבענטשט !
אַדאַנק דון פעדראָס מי אין ליסאַבאָן
האָט זי דאָס לעצטנס אויסגעפּועלט, כ'זאָל
מיין באַנק־הויז עפענען באַנייס דאָרט קענען.
נאָר מיר האָט זי דערביי געשטעלט אַ תנאי :
פאַר שפּאַניער פּליטים, און . . . דורך אירע הענט —

דון שמואל

דורך אירע הענט ? . . . מיך וואונדערט עס : צו וואָס
זאָל זי דען דאַרפן איצט אַזוי פיל נייע
און גרויסע מיטלען ?

דאַ פּיזאַ

פול איז זי, מיט מיטלייד
צו אונדזערע געשטראָפטע ברידער. וואונדער! —
אַ זעלטענע, ווי גרויס זי איז! ווי גרויס! . . .

דון שמואל

אָך יאָ . . . זי איז גרויס.

(שפּאַנט פאַרטראַכט אוועק מיט דאַ פּיזאַ)

שבתי

(אַרויסקומענדיק פון צווישן די ביימער, קוקט זיי נאָך, מאַכט נאָך דון שמואלס קול און זיינע באַוועגונגען)

אָך יאָ . . . זי איז גרויס — זיין בענוועניִדאַ! . . . הייסט עס:
זיי ווייסן נאָך ניט קיינער, אַז ביים פּרינץ
ראובנין איז זי דריי מאָל שוין געווען
צוגאַסט. זי באַרגט אים שטיל אַלץ געלט און געלט,
און ער באַשטעלט דאָ פיל און פיל כלי־זיין
אויף צו באַוואָפענען דאָס גרויסע חייל
ביי זיך אין לאַנד. איז ער נאָר גוט, שבתי
וואָס דאָ קומט פאָר . . .

(דערזעט אַנקומען צוריק בענוועניִדאַן מיט פּירעסן און פאַרשווינדט ווי־זער צווישן די ביימער)

פּירעס

איך זאָג: אין ליסאַבאָן
וואָס האָט מיר דען געפעלט? דו ווייסט אַליין:
באַגאַבט און יונג, געבילדעט און געאַכט;
דער קעניגינס אַ פּאַזש געווען, דערנאָך
געלערנט זי לאַטיין, אין אויבערשטן
געריכט געהאַט האָב איך אַ גרויסע שטעלע.
נאָר אָט . . . אָט דער געדאַנק פון קינדערוויַיז אָן:
— „ביסט ניט קיין עכטער קריסט, און ניט קיין ייד
קיין עכטער" . . . דו געדענקסט מיך פון מיין קינדהייט,
ווען אויף יום־כיפּור פלעגט מיין פאָטער דאָן,
ווי עפּעס אַ גנבה, ברענגען מיך

פון ליסאַבאָן קיין סאַלאָניק צו אייך
אין הויז דעם יידישן. דערפאַר אינדערהיים
מיך צווינגען נאָכדעם ניט פאַרפעלן דאָרט
אין קלויסטער קיין איין תפילה . . . נאָר העברייאיש
מיט מיר געהיים געלערנט, ווי אומיסטן :
דו ווייס, ביזט דער, וואָס יידישע חכמים
באַצייכנט האָבן אים מיט עקל : הגונב
דעת הבריות" . . . אין קלויסטער ביי די תפילות
בין איך געשטאַנען מיט פאַרקלעמטע ציין.
דער ליגן האָט ניט אויפגעהערט צו קרייצן
די גאַנצע צייט מיך, ביז איך בין אַהער
אַנטלאָפן אויף צוריק צו ווערן דאָ
אַ פרומער ייד.

בענווענידא

אַ פרומער נאָך דערצו . . .
איך זע, דו ווערסט נאָך פרימער פון מיין מאַן.

פירעס

פאַר מיר, דעם ייד, וואָס האָט זיין יידישקייט
פאַרלוירן, בלויז איין אויסוועג איז געבליבן . . .

בענווענידא

פון יעדן פרומסטן יידן פרימער ווערן ?

פירעס

פאַרשטיי דאָס, בענוועגידא. ס'ליגט אויף מיר
דער חוב פון תשובה־טאָן, און וויסן זיי :
איך פאַסט תעניתים לאַנגע און אין תפילה
פאַרברענג איך גאַנצע טעג. איך זע אין שלאָף
ביינאַכט חלומות הייליקע. איך הער
אָפטמאָל אַ רוף אין אַנהייב שווערן דרימל :
„פאַר יידן זיי זיך מפקיר און אויף אייביק . . .
אויף אייביק וועט דיין נאָמען בלייבן מולכו !"
יאָ, „מולכו . . . מולכו" רופט מען מיך אין חלום . . .

בענווענידא

אַ שרעק ! . . . ס׳איז אַלץ פון דער קבלה, דאָך —
פון דער קבלה, וואָס מיט דיר דעם קריסט
געצוואונגענעם עס האָט דער אַסטראָלאָג
אברם זכאַי נאָך אין דיין פריער יוגנט
געהיים געלערנט.

פירעס

דאָך מיין בענוועגידא,
בלויז דו, דו בינדסט צו זיך מיך אַלץ נאָך צו,
איך בין מיט דיר פון קינדווייז אָן געוואַקסן,
אין דיר נאָר איינער כ׳האָב געפילט אַמאָל
דעם אמת פון מיין לעבן און צו דיר
געהערט מיין ליבע נאָך ביז איצט. נאָר דאָס
איז ליבע לויטערע שוין אויסגעטאָן פון זינד . . .

בענוועגידא

דיין ליבע, אַך, איז פונקט אַזוי צעשוואומען,
ווי דיין מאַראַנישעס געמיט — ניט קריסטלעך,
ניט יידיש, איך געדענק זי. עס דערמאָנט מיר
דעם "DIALOGE DE AMORE" —
געדאַנקען וועגן ליבע, וואָס מיין שוואָגער
אברבנאל יהודה האָט פאַרשריבן
אַנשטאָט צו ליבן אמתדיק און הייס,
געפּטרט האָט ער אַלע זיינע יאָרן
אויף צו צעגלידערן ס׳געפיל פון ליבע
דערנאָך עס גאַנץ מאַכן צוריק.

פירעס

ניט דאָס נאָר, בענוועגידא. ביסט
די לעצטע צייט אַן אַנדערע געוואָרן. —
געפלעפּט האָט דיך דער סודותדיקער פרינץ
דער יידישער, פאַר וועמען דו נייסט אויס
די פאָן.

בענוועניִדאַ

געפּלעפּט ? נו יאָ, איך גלויב דעם פּרינץ ראובנין.

פּירעס

ניט גלויב אין קלאַנגען ! ווייס, אַנטפּלעקט האָט מיר
דעם קעניגס אסטראָלאָג אברהם זכאַי
ניט נאָר קבלה־סודות. כ׳ווייס דעם גאַנג
פון הימל־שטערן, כ׳קען די לענדער־מאַפּע —
נישטאָ אויף איר קיין יידיש לאַנד.

בענוועניִדאַ

ס׳איז קיין באַוויַז, פיל נייע לענדער ווערן
אַצינד גראָד נאָך דער רייזע פון קאָלומבוס
טאָג־איין, טאָג־אויס אַנטדעקט.

פּירעס

דו ביסט פאַרבלענדט.

בענוועניִדאַ

פאַרוואָס פאַרבלענדט ? כ׳גלויב אים. אָפּגעשטעלט
האָט ער די אינקוויזיציע דערווייל.
כ׳בין גרייט צו העלפן אים. אָט זיץ איך דאָ
און גאַר אים נאָכאַמאָל צו זען . . . איך פיל
אים אין אַ גרויסע קראַפט !

פּירעס

נו יאָ, דו ביסט
פאַרבלענדט. איך וועל דערום ביי דיר איצט פרעגן :
צי ביסטו ניט פאַרליבט אין אים ?

בענוועניִדאַ

מיין פריינט ! . . .
אויב דאָס איז מעגלעך, עלנט פליסט מיין לעבן.
מיין מאַן איז פרום און טיף איז ער פאַרטאָן
אין אַלע באַנק־געשעפטן פון דון־פּעדראָ
און אין דערווייזן מיר פון מאָל צו מאָל,
אַז יידן זיינען אויסדערוויילט ביי גאָט

אויף . . . ליידן גלות. איך הער אים אויס און שטום
איך בלייב בעת ער רעדט צו מיר אַזוי . . .

דיאַמאַנטאַ

(באַווייזט זיך אויף דער באַלויכטענער טעראַסע אינאיינעם מיט דינהן, וועלכע איז אויסגעפּוצט צום טאַנצן).

מיין ליבע בענווענידאַ, קומט, מיר וואַרטן
אויף אייער ראַט.

(בענווענידאַ און פּירעס גייען אַוועק אין שלאָס)

שבתי

(אַרויסרוקנדיק זיך פון צווישן די ביימער)

אַהאַ ! . . . אַז ער איז פרום — דון שמואל, הייסט עס,
און זי איז שטום — די גבירה בענווענידאַ.
איז רעכט ! ביי מיר — געפּועלט, איז זינג דו, לץ :
אויב ביי די באַנקירן
האַלט ס'לעבן אין איין יוירן.
מיין דאגה ? ! . . . ער איז פרום און זי איז שטום,
איז זאָלן זיי זיך גטן. איי, שבתי,
אַמער, ווי קומסטו גאָר אַהער אין מיטן ?
כ'האָב ליב ראובנין און איך גלויב אים זייער.
אַ דינער זיין דאָ האָט ער מיר געהייסן.
צוויי טעג סך־הכל ניט געזען אים
און בענק שוין שטאַרק אַזוי צו זען אים !
ער מוז דאָך קומען באַלד אַהער אין שלאָס.

(קוקט אויפן הימל)

מיט אויפגיין פון די שטערן, איז באַפוילן,
איך זאָל אויף אים דאָ וואַרטן.

(דערהערט דעם פּליעסק פון רודער)

דאָס מוז דאָך זיין שוין ער אַליין . . .

(לאָזט זיך צו דער צוגעשוואָומענער גאָנדאָלע, פון וועלכער ביי דער שיין פון דער לבנה קומט אַרויס אַ מענטש אין אַ מאַנטל געהעפט מיט גאָלד)

שבתי

ראובני ?

(בוקט זיך זייער טיף)

ראובני

הער אויף צו זיין אַ לץ אין לעבן אויך !

שבתי

ביסט פאַרט אַ גרויסער מענטש. איך זאָג עס ערנסט.

ראובני

הער אויף, האָב איך געזאָגט, ס׳האָט מיר דערעסן.

שבתי

דו ביסט דער גרעסטער מענטש, וואָס איך — דער לץ
האָב ווען עס איז געזען צווישן לצים.

ראובני

דו ווייסט דאָך גוט : דעם פרינץ האָב איך אַליין
אַריינגעהויכט אין מיר און טראָג אים שווער
אין זיך, ווי כ׳וואָלט באַזעצט אין זיך אַ דיבוק.

שבתי

נאָר ווייל דער בראָך פון פאָלק אין זיינע ליידן
דיך פייניקט שטאַרק און טיף אַזוי — וועסט מעגלעך
אומזיסט גאָר זיין אַ קרבן און דו גייסט
מיט גרייטקייט און מיט פרייד — דערפאַר ביסטו
פאַר מיר דער פרינץ דער סאַמע־סאַמע עכטער
פון אַלע פאַלשע מענטשן־פרינצן.

ראובני

אויס !

נו, פאַרט געגנוג, געגנוג פון דעם צו ריידן.
מיין צרה־ברודער ביסטו גלייך געוואָרן
ווען איך פון טיפן מזרח ביז אַהער
אַראָפּגעקומען און געטראָפן דיך
אין ליסאַבאָןביים טעסט פון יידן־פּיין.

שבתי

איך האָב דיר בלויז, מיין פּרינץ, באַוויזן זיי
אין זייער גרויסן בראָך אין האָפן דאָרט.

ראובני

דריי הונדערט טויזנט ברידער מ׳האָט פאַרשפּאַרט,
פאַרקערט צום ים, ווי שעדלעך קויטיק מיסט
אַרויסצעוואַרפן זיי, אויף יידישע
צען שבטים האָבן זיי דאָרט יאושדיק
זיך אָנגעכאַפּט, איך האָב פאַרטראַכט זיך טיף: —
אַ רעטונג, זע, עס זוכן אַלץ די יידן
אין זייער נעכטן, ניט אין זייער היינט —
פאַרוואָס? עס איז אַצינד אַ צייט אַ גרויסע,
ס׳איז נאָך קאָלומבוס און פאַר נייעם לאַנד
עס גייט אַ שטרייט, איז איך אין דעם געראַנגל
וועל אויך מיין פאָלק אַריינפלעכטן. אין שטרייט,
אין קאַמף פון פעלקער מוז איך איצט געפינען
אַ לאַגע פאַר מיין ליידנדיקן פאָלק.
ביים פויפסט האָב איך געלאָזט זיך אויפנעמען
אַלס אַמבאַסאַדאָר, — ער זוכט פאַרבינדעטע
אין הינטערלאַנד פון טערק און מאַכמעדאַנער,
און איך — איך בין אַ פּרינץ פון קראַפט פון יידישער
אין שטאַרקן לאַנד כאַבור. און אויב פאַרהאַנדלען
דו ווילסט מיט מיר, איז דאַן צום אַלעם ערשט
די אינקוויזיציע אויף מיינע ברידער
אין פאַרטוגאַל שטעל אָפּ. דאָס אַלץ איז מיר
געלונגען שוין.

שבתי

און ווייטער וואָס וועט זיין?

ראובני

אָט דאָס וועט מיר די צייט באַווייזן. שטאַרקן
איך וועל צוערשט די הענט פון מיינע ברידער

דערנאָך צום קאַמף זיי שטויסן — וועגן רעטונג
ניט טרוימען בלויז, נאָר אויך איר העלפן קומען.
פיל אויפטאָן שטייט ערשט פאָר, שבתי, דערצייל:
וואָס טוט זיך דאָ?

שבתי

אַקעגן זיך דו האָסט
אין שלאָס דאָ דעם גאָטספאַרכטיקן באַנקיר
אברבנאל און דעם מאראַן פירעסן.

ראובני

וואָס האָבן זיי דען קעגן מיר?

שבתי

זיי גלויבן:
נאָר דאַן געהאָלפן ווערן וועלן יידן
ווען קומען וועט דער הייליקער משיח.
דעריבער זאָגט פירעס איצט „סיידן גלויבן:
ראובני איז אַליין גאָר דער משיח".

ראובני

משיח . . . ווידער אָט דאָס אַלטע וועקסל
פון אונדזערע נביאים פאַר אַ פאָלק
אַ יורד . . . זאָג! ווי קומט ער גאָר אַהער —
— פירעס?

שבתי

ער איז פאַרליבט אין בענווענידאַן.

ראובני

ער איז אין איר פאַרליבט? . . . אין בענווענידאַן?
(וויל אוועקגיין)

שבתי

(פאַרהאַלט אים)

מיך וואונדערט . . . כ׳זע: עס אַרט דיך אויף אַן אמת . . .
דערלויב דערמאָנען דיר: באַשטעלט אַ זעאונג
דו האָסט מיט צוויי געטרייע מענטשן דיינע
פון ליסאַבאָנער האַפן.

ראובני

שיק אַהער דעם אינוואַליד.

(שבתי — אַפּ, פון צווישן די ביימער קומט דער אינוואַליד, שטעלט זיך אין פראָנט)

אינוואַליד

דעם פּרינץ דעם יידישן איך סאַלוטיר
אָט מיט דער האַנט דער לינקער, — ווייל די רעכטע —
איך האָב אַוועקגעשענקט זי שפּאַניען,
דעם לאַנד, וואָס מיך פון זיך עס האָט פאַריאָגט.

ראובני

אומזיסט אַוועקגעשענקט ? — אָ, ניין ! . . . אָ, ניין !
צעצאָלט דו האָסט זיך, ברודער מיינער, פיין
און ערלעך פאַר דיין ליבע צו דעם לאַנד
פון דיין געבורט, און מיר דיין לינקע האַנט
דערפאַר איז צוויי מאָל טייער. אויפגעטאָן
וואָס האָסטו דאָרט אין ליסאַבאָנער האַפן ?

אינוואַליד

דעם פּרינצס באַפעל כ׳האָב ערלעך אויסגעפילט.

ראובני

געזונטע מענער אויסגעטיילט ? זאָג וויפל ?

אינוואַליד

געזונטע מענער איינס אין איינס אַ סך,
אַ סך מיין פּרינץ, און טראָץ דער שווערער אַרבעט . . .

ראובני

איך ווייס: אויף רייסן שטיינער אין די בערג
אייך טרייבן טעגלעך דאָרט די פּאָרטוגאַלער.

אינוואַליד

און דאָך ווערט דיין באַפעל דאָרט אויסגעפּילט,
און גאַנצע לאַנגע נעכט די קונסט פון שלאַכט
איך לערן אין די בערג מיט זיי, מיין פּרינץ,
זיי פאָדערן שוין אמתדיק געווער.

ראובני

צוליב מיין חייל אין לאַנד כאַבור אין צאָל
פון דריי מאָל הונדערט טויזנט כ׳האָב באַשטעלט
געווער. — געווער וועט קלעקן אויך פאַר אייך.
דו שטאַרק נאָר זייער גייסט דאָרט. אָט . . . הער אויס!
דו זאָג זיי: פּרינץ ראובני איז . . . ער איז
צווישן אייך פאַרהוילן און פאַרשטעלט,
ביי טאָג ער רייסט מיט אייך אינאיינעם שטיינער,
ביינאַכט דערנעבן אויף אַ באַרג ער שטייט . . .
און קוקט מיט זיין געניטן אויג, ווי איר
מאַרשירט. גו גיי, גו גיי, מיר שיק אַהער
דעם קופּערשמיד.

(אינוואַליד — אָפּ. פון צווישן דיביימער קומט צו דער קופּערשמיד, פאַרנייגט זיך)

קופּערשמיד

שלום צו דיר, דעם פּרינץ!

ראובני

שלום צו דיר, מיין פריינט . . . ווי לעבט זיך אייך
אין ליסאַבאָנער האַפן איצט? — דערצייל!

קופּערשמיד

ניט פריילעך, מלכות אונדזערער, ניט גוט . . .

ראובני

געמאָלדן האָט מען אייך, אַז יעדערער
פון די דריי הונדערט טויזנט שפּאַניער יידן,
אויב נאָר ער וויל, קען פריי פאַרלאָזן איצט
דעם ליסאַבאָנער האַפן, מיטנעמען
מיט זיך זיין גוטס ?

קופּערשמיד

געמאָלדן, פּרינץ, געמאָלדן.
איז וואָס־זשע אָבער קומט דערפון אַרויס ?

ראובני

געפאָדערט ווערט פון יעדן, וואָס פאַרלאָזט
דעם האַפן, באַלד זאָל ער פאַרלאָזן אויך
דאָס גאַנצע פּאָרטוגאַלער לאַנד ?

קופּערשמיד

אָט־אָט . . .

און היינט וואוהין, וואוהין זיך לאָזן דען ?
אָט האָבן איך און אייניקע אַ שיף
אַ גאַנצע אָפּגעדונגען, ניט געהערט
האָט דען דער פּרינץ, וואָס האָט מיט אונדז פּאַסירט ?

ראובני

געהערט ! — עס האָבן אייך אינמיטן וועג
באַרויבט די שיפּלייט דאָרט — די עלטערע
אין ים געוואָרפן און די יונגע זין
אַוועקגעפירט, פאַרקויפן זיי פאַר קנעכט,
איך ווייס : מיט ניסים האָסטו זיך אַהער
דערקליבן, איך ווייס, כ׳ווייס . . . דו קער זיך אום
אין ליסאַבאָנער האַפן. זאָג זיי דאָרט
בסוד : אַ טרייסט האָט אייך געשיקט דער פּרינץ
פון לאַנד דעם יידישן. ער האָט געלאָזט
אייך וויסן : וואַרט און האָפט, איר וואַרט און האָפט . . .
שלום ! . . . שלום ! . . . שבתי !

(קופּערשמיד אַפּ)

שבתי

(צוקומען)

איך הער, מיין פרינץ!

ראובני

זוך אויף אַ שיף, וואָס גייט קיין רוים נאָך מאָרגן.

מיט פאָדערונג שוין אָפענער פאַר יידן

פון ליסאַבאָנער האַפן קומען כ׳וועל

צום פויפסט אַצינד.

(ביים ברעג א גערויש פון רודער און שיין פון פאקלען. ראובני טרעט אפ צווישן די ביימער. שבתי קלינגט אין גלאק. פון א צוגעשוואומען שיפל גייען ארויס דאמיניקאנער. פונעם שלאס קומען ארויס די באלעבאטים, די געסט און די דינער.)

דאַ פּיזאָ

מיט וואָס באַדאַנקען אייך, דאָמיניקאַנער

פאַר פריינטלעכן באַזוכן איצט מיין הויז?

עלצטער דאָמיניקאַנער

דער אינקוויזיציע אַרויסגעבן

אַ גאָט־פאַררעטער!

דאַ פּיזאָ

יידן זיינען מיר

און פאַר אַ גאַסט מיר האָבן איצט דעם קריסט

פירעס.

פירעס

פירעס פון פאָרטוגאַל — בין איך.

עלצטער דאָמיניקאַנער

געווען אין ליסאַבאָן אַ פרומער קריסט

נאָך דאָך געלעבט פאַרשטעלט, ווי אַ מאראַן

און דאָ צוריק אַ פרומער ייד געוואָרן?

אין נאָמען פון דער אינקוויזיציע

(צו די דאמיניקאנער)

דער הייליקער, באַפעל איך אייך אים נעמען!

(פיר דאָמיניקאַנער מיט פאַקלען אין די הענט שטעלן זיך אויס אַרום פירעסן ווי אַ צלם. פון צווישן דיביימער קומט ארויס ראובני, און ווייזט דעם עלצטן דאָמיניקאַנער אויף פירעסן.)

ראובני

ער איז מיין דינער . . . זעט: לויט אָט דער בולע
פון וואַטיקאַן איז קיינעם ניט דערלויבט
ניט מיך, ניט מיינע מענטשן צו פאַרהאַלטן
אָן צושטימונג פון רוים און פון דעם פויפּסט.

(באַווייזט די בולע)

עלצטער דאָמיניקאַנער

(צו פירעסן)

דאָס מאָל איז אייך געלונגען . . .

(צו זיינע באַגלייטער)

קומט נאָך מיר!

(די דאָמיניקאַנער — אָפּ.)

דאַ פּיזאַ

אַ יישר כוח, פּרניץ, אייך קומט אַ גרויסער
פּאַר מידות יידישע פון פּידיון־שבויים
הגם דער גאַסט פירעס איז נאָר אַ גר.

ראובני

ולגר הגר בתוכם.

דון שמואל

(מיט התפעלות צו די אַרומיקע)

הגר בתוכם! . . .

פירעס

(צו ראובנין)

אַ סוד פון סודות הייליקע איר ווערט
פאַר מיר.

ראובני

קיין סוד — אַ קראַפט אַן ערדישע!

פּירעס

דורכאויס פֿאַרגלויבט, אַז בלויז און בלויז נאָר ער —
דער יושר הימלשער, קאָן העלפֿן יידן,
בין איך, פּירעס, פֿון היינט און ווייטער גרייט
צו דינען אייך, אויב נאָר די פּיין פֿון פֿאָלק
דעם יידישן איז ווירקלעך אייער פּיין.

ראובני

צו האָבן אייער הילף איז ניט מיין מיין,
מיין טרוים איז פֿעסט פֿאַרריגלט, אָפּגעצוימט
פֿון אַלע בעלי־תשובה־יידן.

פּירעס

(צו אַלע ארום אים).

יאָ!

געזינדיקט! ווי אַ כלי פֿול מיט שאַנד
און בושה כ׳שטיי פֿאַר אייך דאָ, ברידער מיינע!
איך בין דורך אַנדערע פֿאַרפֿירט פֿון קינדווייז,
נאָר כ׳האָב אַליין פֿון מאָל־צו־מאָל געמיינט:
איך גיי אויף בריק, וואָס פֿירט פֿון פֿאָלק־צו־פֿאָלק.

ראובני

איז וויסן זייט: פֿון אייער בריק די שפּאַניער
גרושים — די דריי הונדערט טויזנט יידן
אין ליסאַבאָנער האַפֿן — האָבן ניט
קיין שטריק אַפֿילו אויפֿצוהענגען זיך
אויף אים.

פּירעס

איך האָב געגרייזט... אשמתי! בגדתי!

ראובני

און גרייזט אויך איצט: נשמה־רו איך זוך
אַצינד דערהויפּט פֿאַר דעם מאראַן פּירעסן
און ניט געזונט צו מאַכן ס׳גאַנצע פֿאָלק
איז אייער צוועק. דערום איז אייער גייסט
אַ קראַנקער, ס׳פֿאָלק ער קען נאָר קראַנקער מאַכן.

פּירעס

פאַרטרויען זיך צו מיר עס שטערט אייך אפשר,
וואָס אין אברהם אבינוס ברית איך בין
נאָך ניט אַריינגעבראַכט, איז פּירט מיך גלייך
אין אים אַריין און נעמט אויף זיך די מצווה.

ראובני

(צו בענוועניִדא)

וואָס וויל דער פּאָרטוגאַלער מאַן פון מיר ?
פאַר אים האָב איך געטאָן שוין אַלץ, וואָס נאָר
איך האָב געקענט.

בענוועניִדא

ער דאַנקט אייך זייער !
גרויסמוטיק זייט איר, פּרינץ, דאָס ווייס איך גוט,
נאָר אויף גרויסמוטיקייט אַזוינער גאָר . . .
גערייכט האָט זיך ביי אונדז שוין קיינער ניט.

(דערלאַנגט אים די זיידענע פאַן, מיט די אויסגעהעפטע ווערטער „דגל מחנה יהודה").

דא פּיזאָ

מתנות אייך דערלאַנגען, ליבער פּרינץ,
עס ווילט זיך שטאַרק אויך מיר און איך בין גרייט
צו שענקען אייך אפילו אָט דעם שלאָס.
באַוויליקט נאָר צו זאָגן איצט, וואָס אייך
ביי מיר געפעלט.

ראובני

וואָס מיר ביי אייך געפעלט ?

(קוקט ליידנשאַפטלעך אויף בענוועניִדאַן און ווייזט אויף שבתין)

איר שענקט מיר אָט דעם קנעכט. אַן אַלטער מינהג
פאַראַן ביי אונדז אין לאַנד : מען שענקט
אַ קנעכט.

(דערזעט דינהַן, וועלכע איז אויסגעפּוצט צום טאַנץ)

און אויך די דינסט מיר שענקט.

דיאַמאַנטאַ

(פאַרנייגט זיך טיף פאַר ראובנין)

אין שלאָס איך בעט דעם גרויסן גאַסט.

(פון שלאָס — מוזיק און געזאַנג. אויף די טרעפּ פון דער טעראַסע — דינער מיט פאַקעלן אין די הענט. אַלע לאָזן זיך אין שלאָס. אַליין בלייבט אויף דער אַלייע דאָנאַ פּירעס, דערנאָך גייט ער אויך אַריין אין שלאָס. פון אַ צוגעשוואָלענעם שיפל הערט ער עלצטער דאָמיניקאַנער אַרויסגיין דעם קאַרדינאַל דזשוליאָ.)

קאַרדינאַל

וױ קומט גאָר צו מיין שוועסטער אַזאַ זון,
אַן אויסוואורף אַ לאָ־יצלח און אַ גולם!
אַ פליג אַן אומריינע, וואָס לאָזט ניט רוען!

דאָמיניקאַנער

פאַרגעסט ניט, פעטער דזשוליאָ — דער קאַרדינאַל
דער ערשטער זייט איר ביי זיין הייליקייט
דעם פויפּסט, און גאָט באַגלייט אייך אומעטום
און הערט, ווי גראָב איר זידלט זיך.

(גיסט אים אָן ליקער אין אַ קעלישיקל)

קאַרדינאַל

אַנטשוויגן ווער, דו הינטל ווערימדיקס!

(פאַרזוכט צוביסלעך פון קעלישיקל)

אַ פלאַץ איך האָב קוים צוגעזוכט פאַר דיר
ביי די דאָמיניקאַנער. כ׳האָב געקלערט,
אַז דו מיט דיין פאַרדאָרבענער נאַטור
אויף הייוון וועסטו ביי זיי וואַקסן, וואַקסן —
איך ווער אויף שטענדיק פּטור שוין פון דיר,
און דו — מיין רו דו הערסט ניט אויף צו שטערן.
אַהער מיט קירכע־פליכט אַראָפּגעקומען
איך בין אַצינד, זיך אָפּגעשטעלט ביי דיר
אין הויז, האָסטו ביינאַכט מיך פון געלעגער
אַראָפּגעשלעפּט און מיך געבראַכט אַהער.
נו זאָג: צו וואָס?

דאָמיניקאַנער

אַז איר אַליין זאָלט זען,
ווי אין דער הייליקער ווענעציע
געוועלטיקן די יידן אומגעשטערט,
באַשיצט פון זייערן אַ פרעכן פרינץ.

קאַרדינאַל

און דיר? און דיר וואָס גייט עס אָן, דו שנעק?

דאָמיניקאַנער

עס ברענט דער צאָרן ביי רעכטגלויביקע,
עס וואַקסט די אויפרעגונג. אַ יידן אָט...
אַן אומריינעם עס האָט דער פויפסט געשענקט
דעם הויכן טיטל אַמבאַסאַדאָר, גרייט
אַ בונד צו שליסן מיט זיין יידיש לאַנד.
צו וואָס האָט עס געטאָן גאָר אונדזער פויפסט?

קאַרדינאַל

און דו מיט אייזל־קאָפּ מיט דיינעם, מיינסט
באַנעמען עס... דאָס דאַרף דער פויפסט קלעמענס —
דאָס דאַרף ער האָבן איצט פאַר זיין פּאָליטיק
מיט יענעם... מיט דעם אימפּעראַטאָר קאַרל.

דאָמיניקאַנער

אין שלאָס באַהאַלט זיך אויס דאָ דער מאַראַן
פּירעס.

קאַרדינאַל

וואַרט אויס!... ס׳איז וועגן דעם מאַראַן
פּירעס דערגאַנגען ביז צום וואַטיקאַן.
ער גלויבט ניט, דער פּירעס, אַ יידיש לאַנד
זאָל זיך פון אוראַלט ערגעץ־וואו פאַרהיטן.
אָט זע!... דו שפּיר אים נאָך אָט דעם פּירעסן,
פון אַלדאָס בייז באַשיץ אים און גדענק:
אַז צוציען דו קאָנסט מיט דעם צו זיך
די גנאָד פון פויפּסט.

דאָמיניקאַנער

פאַר שיצן דעם מאַראַן
פּירעס ? . . . ער זאָגט דאָך, אַז קיין יידיש לאַנד
איז ניט פאַראַן און שטערט דערמיט דעם פּויפּסט,
וואָס דאַרף דאָס אַלץ אין שפּיל מיט קעניג קאַרל.

קאַרדינאַל

צו קלוג איז דאָס פאַר דיר, דו אייזל־קאָפּ!
דו טו נאַר, ווי איך הייס, און שטער ניט מער
מיין רו, דו הינטל ווערימדיקס.

(קריכט אין דער גאַנדאָלע מיט דער הילף פונעם דאָמיניקאַנער)

ווי קומט גאָר צו מיין שוועסטער אַזאַ זון
ווי דו, אַן אויסוואורף, אַ לאַ־יצלח.
געמיינט, אויף שטענדיק ווער איך פון דיר פּטור.

(די גאַנדאָלע פאַרשווינדט. אין אַ לאַד, וואָס איז פאַרקן, באַווייזן זיך די קעפּ פונעם שווער־גופיקן פּרומען נעגאָציאַנט עמנואל און פון זיין קורצינקן מעקלער ר׳ יחיאל. זיי קוקן אויס דעם פאַרק).

ר׳ יחיאל

אַהער אין לאָך קריכט, פּונקט ווי איך, סיניאָר,
אַן אַלטער כּלל: ווער ניט אַריבער קאָן,
דער מוז אַרונטער.

ר׳ עמנואל

אַט! . . . אין לאָך נאָך קריכן . . .
צו וואָס איר ברענגט מיך, ר׳ יחיאל, זעט:
אַ גרויס דערנידערונג איז דאָס פאַר מיר,
ווי פּאַסט עס דען פאַר מיין באַרימטער פירמע?

ר׳ יחיאל

געשריבן שטייט סיניאָר: „אַ טרעפּ אַראָפּ
און חתונה האָב״. ווער רעדט ווען ס׳גייט
אין גרויסן, גרויסן פּידיון.

ר' עמנואל

אין גרויסן פּידיון ? ? !

אין דער נבלה (נעוואָלע) גייט מיר דאָ. געהערט ? ! —
אַ יידיש לאַנד, באַזעצט דורכאויס מיט שבטים,
מיט שבטים פון ישראל, איז פון דאָרט
אַ פּרינץ אַהער צו אונדז אַראָפּגעקומען —
פון מלך דודס קינדער, און צו האַנדלען
באַגערט ער נאָר מיט קריסטן, ניט מיט יידן.
מען האָט מיך גאָר ניט צוגעלאָזט צו אים . . .
און אויך אויף מאָלצייט צו דא פּיזאַן איצט
פאַרגעסן מיך פאַרבעטן. כ'גיי אַוועק !

ר' יחיאל

(פאַרהאַלט אים)

און וואו איז אייער יידישקייט, סיניאָר ?
איין האַנדל מיט די שבטים טוט איר איצט
און פאַרטיק — שוין געקריגן עולם־הזה,
דערצו נאָך עולם־הבא — אַ באַרג אַ גאַנצן !
אַזאַ מין היילִיק מיסחר מעג אייך קאָסטן
אַביסעלע געזונט.

(דערזען פּירעסן, וואָס קומט אַרויס פון שלאָס, באַהאַלטן זיך און קוקן אונטער)

פּירעס

(אַראָפּגעקומען דערשלאָגן פון די טרעפּ, בלייבט שטיין).

נו מאַך אַ טריט, פּירעס. נו, ווייטער גיי,
וואוהין ? — אויב אָפּגעשלאָסן איז דער וועג
פאַר דיר אויך אויף צוריק צום שטאָט צו דיינעם . . . ,

(דינה, אנגעטאָן אין טאַנץ־קליידער, לויפט אַרויס נאָך פּירעסן פון שלאָס און בלייבט אויף די טרעפּ).

פּירעס

(צערייסט אויף זיך די קליידער)

כאָטש קריעה רייס אויף זיך, פּירעס, כאָטש שבעה
דו זעץ זיך איצט נאָך זיך אַליין.

דינה

(צונעלאָפן צו אים)

פירעס !

פירעס

(באמערקט זי ניט)

געלעבט איך האָב דאָ אין אַ וועלט פון דימיון

און בלייב אַ דימיון בלויז.

דינה

פירעס ! . . . פירעס !

פירעס

מען רופט . . . ווער איז ?

דינה

אַ שרעק ! . . . דו ווייסט, ווי דו

זעסט אויס, מיין האַר ? . . . אַט פונקט ווי ער . . . דער נביא

אין דער באַרימטער קלויסטער־שפּיל, אַ שרעק . . .

דעם נביא דאָרט פאַרמישפּט מען צום טויט . . .

פירעס

ווער ביסטו, מיידל ?

דינה

מיך געראַטעוועט

פון טויט . . . דערקענסט מיך ניט ? — אַ דינסט, אַ שקלאַפין

און דאָך מיט אַלע וואונטשן פון אַ כלה.

פירעס

פון מיר פאַרלאַנגסטו וואָס ?

דינה

מיין כלה־טאַנץ

דערלויב מיר אויסצוטאַנצן דאָ פאַר דיר

ווי נאָך פון קיינעם ביז אַהער. אַט זע :

(טאַנצט אונטער דער מוזיק, וואָס הערט זיך פון שלאָס)

די דינסט אין מיר פאַרשווינדט און עס צעבליט

די תאווה, וואָס אָוועקצורויבן זי
ביי קנעכט אונמעכטיק זיינען אַלע האַרן.
נו קוק! ניט נעם דיין בליק אַוועק פון מיר
דיין דינסט, עלהיי דו זעסט אין מיסט אַ פערל.
געפעלט דיר אפשר ניט מיין טאַנץ?

פירעס

שוין שפעט!

צו אָנגעזאָפּט ביסטו מיט זינד־באַגערן.
צו תאווהדיק פאַר מיר — דיין יונגער טאַנץ.
איך בין אַ גייסט שוין גאָר אָן שום אחיזה
אין ערדיש־לעבן. בלויז מיין גוף באַשווערט
מיך אַלץ נאָך איצט וועל איך אין טיפן וואַסער
מיין חומר באַלד פון זיך אַראָפּוואַרפן.
ניט שרעק זיך נאָר. איך וועל צוריק אויפלעבן
און בלייבן ביי דער בחינה פון אַ ייד,
ביי ריינעם גייסט שוין, ווי על־פּי קבלה
אין אונדזער פאָלק דער גייסט בלויז פון אַ פאָלק.
(מיט א קבלה־ניגון)
דאָן קענסטו, מיידל
בחינם־כלה פאַר מיר ווערן . . .
(לאזט זיך אראפ צום ים).

דינה

(שרייט)
דערטרינקען זיך איז ער אַוועק!
(אמנואל און יחיאל — ארוים פון צווישן די ביימער)

ר' יחיאל

וואָס־וואָס?

ר' עמנואל

וואָס האָט פּאַסירט?

ר' יחיאל

וואָס האָט געטראָפן דאָ?

דינה

דערטרינקען זיך איז ער אַוועק!

ר' יחיאל

נו ווער?

דער יונגער האַר אָט דער? . . . אָט דער סיניאָר?

דינה

פון ליסאַבאָן אַנטלאָפן — אַ מאַראַן!

ר' עמנואל

מאַראַן? . . . גערעדט האָט ער דאָ זייער טיף!

דינה

(קלינגט אין גלאָק)

דאָמיניקאַנער לאָקערן נאָך אים!

ר' עמנואל

פאַרשטיי איך שוין — ער איז פון זיי אַנטלאָפן.

וואו קען אַזוינער, אָבער, זיך באַהאַלטן?

ר' יחיאל

וואָס פרעגט איר גאָר? — איר זענט דאָך פרום, ר' ייד!

איך לויף!

דינה

איז גיכער . . . קומט אים ראַטעווען!

(אַלע דריי לויפן דעריאָגן פירעסן. פון שלאָס קומען אַרויס די באַלעבאַטים אינאיינעם מיט די געסט און מיט די דינער. דינה לויפט אַן צוהיק, טראָגט אין די הענט פירעסעס מאַנטל).

דינה

פירעס האָט זיך דערטרונקען!

(אַלע — דערשטוינט)

ר' יחיאל

(קומט אַן צוריק, טראָגנדיק פירעסעס קליידער)

איך בין אַן עדות . . . ברוך דיין אמת!

פ אָ ר ה אַ נ ג

צווייטער אַקט

בילד 1

אַ מין מאַנאַר־צימער ביים פּויפּסט אין הויף. ליידיקלעך, דורכאויס טונקעלע פאַרב. פון אַ פּירעקיק פענצטערל פאַלט די טאָג־שיין אויפן פּנים פונעם פּויפּסט, וואָס זיצט טיף אין אַ שטול. פאַר אים אויפן שוואַרץ־פאַרשפּרייטן טישל — אַ פאַרמאַכט בוך און אַ היפּשער גאָלדענער צלם. פון איין זייט שטול שטייט דער קאַרדינאַל דזשוליאַ, פון דער צווייטער זייט — אַ שליח פון קעניג קאַרל.

שליח

און אויך דערויף האָט ענטפערן געבעטן
דער אימפּעראַטאָר קאַרל.

קאַרדינאַל

קעניג קאַרל! . . .

פּויפּסט

אָך, גאָט אין הימל! מיין ווענעציע
איז קליין און שוואַך. צו זיין אימפּעריע
באַהעפטן זי קען קאַרל דאָך אויך שפּעטער,
זיין פיינט דעם טערק, באַזיגן קען ער אָבער.
גראָד איצט פאַראַנען איז אַ מעגלעכקייט.

קאַרדינאַל

אין הינטערלאַנד פון אונדזער גרעסטן פיינט
דעם טערק, אַנטדעקט מען האָט אָט דאָ ניט לאַנג
אַ יידיש קעניגרייך אַן אַלטס, עס האַלט
מלחמה מיט דעם טערק. געוווער אַ סך
פאַר חייל פון דריי מאָל הונדערט טויזנט מאַן
באַשטעלט האָט דאָ ביי אונדז פון אָט דעם לאַנד
דער צוגעשיקטער פּרינץ.

שליח

פֿאַר חייל, ווי, ווי ? . . .

פֿאַר חייל פֿון דריי מאָל הונדערט טויזנט מאַן

אין הינטערלאַנד פֿון טערק ? — ווי הייסט דאָס לאַנד ?

פּויפּסט

אין נאָמען מיינעם זאָג דעם קעניג קאַרל :

אַ בונד מיט אָט דעם שטאַרקן לאַנד צו שליסן

עס וועט אים העלפֿן איצט דער וואַטיקאַן.

(דער שליח פֿאַרנייגט זיך, קושט די זוים פֿונעם פּויפּסטס קלייד, גייט אַוועק. דער פּויפּסט טוט מיד אַ קוק אויפֿן קאַרדינאַל)

קאַרדינאַל

פֿון רוא דע פֿראַנסוא פֿראַנציסקאָ

עס וואַרט דאָ דער שליח.

(דער פּויפּסט — אויפֿגעשטאַנען פֿון שטול מיט אַ נערוועזקייט אין די פֿינגער, וואָס קלייבן איבער די בושטין־קאַרעלן. דער קאַרדינאַל לאָזט אַריין דעם פֿראַנצויז און דערלאַנגט אַ שריפֿט.)

פּויפּסט

(איבערגעלייענט)

פֿראַנציסקאָ . . . יאָ, ער איז אַ טרייער זון

דער קירכע דער קאַטוילישער.

קאַרדינאַל

ס'איז זיכער !

פּויפּסט

איך מיין אַזוי . . . נאָר דאָך . . . דעם קריג מיט אים . . .

דעם נידערלענדער קאַרלען צו אויף לאַנג

פֿאַרציט ער. קאַרל שפּילט אויף ליוטערס לערע

ניט בלויז מיט זיינע דייטשישע קורפֿיורסטן.

קאַרדינאַל

ווי מיט אַ מעסער שטייט ער צו צום האַלדז

פֿון די רעכטגלויביקע און וואַרגט און דראָעט :

די לערע דעם אַפּטרעטנדיקן ליוטערס
דערלאָזן וועט ער ברייט צעשטראָמען זיך.
אים העלפן זאָל דער וואַטיקאַן אַליין
די וועלט באַהערשן . . . אַט ! דאָס פאָדערט ער.

פּויפּסט

מיין הימל־ברכה גיט פראַנציסקאַן איבער ! . . .
וואָס גיכער צו מלחמה קעגן קאַרלען
עס רופט אים גאָט אַליין !

(דער פראַנצויז קניט, קושט דעם זוים פון פּויפּסטס קלייד — אָפּ).

פּויפּסט

שוין אַלץ ?

קאַרדינאַל

עס בעט אַן אויפנעם טאָג־נאָך־טאָג
דער פרינץ ראובני.

פּויפּסט

(ווי ער וואָלט ניט גרינג זיך דערמאָנען)
ווער ? . . . דער יידישער ? . . .

קאַרדינאַל

דער יידישער . . .
איך האָב געהערט אַ קלאַנג, אַז עפּעס איינער
אין פּיזאַ דאָרט, צי אין ווענעציע
פאַר יידן טרעט אַרויס און זאָגט : קיין לאַנד
קיין יידיש איז אינערגעץ ניט פאַראַן.
ראובני, זאָגט ער, איז משיח גאָר.

פּויפּסט

ווי ? . . . משיח ? . . .

קאַרדינאַל

דער יידישער משיח . . .

פויפסט

שוין גאָר אַזוי ? ! . . . עס איז צו פרי אַביסל.
דאָס קען דאָך הייסן שוין — דער ייד אָט דער
ער גייט אין וועג פון משהן גאָר : צוערשט
פון פאָלק אַ פירער גרייט ער זיך צו ווערן
און ערשט דערנאָך אַ לאַנד פאַר דעם געפינען . . .

(לאַכט)

קאַרדינאַל

דאָס שטעלט די פראַגע שוין, צי האָט אַ זין
אים אויפצונעמען ווידער . . .

פויפּס

יאָ, געוויס . . .

און דאָך . . . אים אויפנעמען מיר מוזן שוין
און זאָל עס זיין אַפילו נאָר לפנים.

קאַרדינאַל

כאַ־כאַ . . . און זאָל דער נידערלענדער קאַרל
אַ קורצע צייט אין „בונד" אָט דעם נאָך גלויבן.

(דער פויפּסט זעצט זיך צוריק אוועק, לייענט דעם גראַבן בוך. דער קאַר־
דינאַל לאָזט אַריין ראובני).

ראובני

שלום ! שלום וברכה !

(קוקט, ווער וועט איבערזעצן זיינע ווערטער און דערזעט דעם אַריינ־
געקומענעם דאָקטאָר מאַנטינאָ).

מאַנטינאָ

(געכאַפּט אויף זיך דעם פויפּסטס בליק — צו ראובנין)

איר קענט ריידן.

ראובני

אַ שריפט אַן ענטפער איז מיר אָנגעקומען,
געחתמעט פון מיין ברודער קעניג יוסף.

(דערלאַנגט די שריפט דעם קאַרדינאַל, וועלכער גיט זי איבער מאַנטינאָ)

מאַנטינאַ

(לייענט די שריפט)

פון אונדז די שבטים גד, ראובן, האַלב
מנשה, שלום צו זיין הייליקייט
דעם פויפסט. כאַטש מיר, די קינדער פון ישראל,
אויף אונדזער ערד פון אוראַלט אָן מיר זיצן
און אונדזער פאַרכט — אויף פעלקער, דאָך, —
פאַראייניקן מיט אייך מיר זיינען גרייט
די שווערד אויף טויט און לעבן קעגן טערק.

(הערט, וואס אים זאגט דער פויפסט און גיט עס איבער ראובנין)

צו קענטעניש עס ווערט דאָס אַלץ גענומען.

ראובני

איך דאַנק. מיין לאַנד אַ בונד מיט קעניג קאַרל
איז גרייט צו שליסן דאָך — קיין פלעק אויף זיך
צו האָבן, ניט פאַרשוועכן דאָ מיט דעם
דעם כבוד פון דעם אַלטן שטאַם.

מאַנטינאַ

מער קלאָר.

ראובני

משפחות טויזנטער און טויזנטער,
אין שפאַניע געבוירן מ׳האָט . . . מען האָט
פון דאָרט אַרויסגעטריבן און צו שפּאָט,
צו שאַנד און צו געלעכטער זיי פאַרשפּאַרט
אין ליסאַבאָנער האַפן, זיך דערוואוסט
האָב איך: זיי אַלע צו מיין שטאַם געהערן —
פון אברהם פון יצחק און פון יעקב.
דעם בונד צו שליסן וואָלט געוועזן מיר ליב
ווען היגע לענדער זאָלן אויפנעמען
צוריק איצט די אַרויסגעיאָגטע ברידער.
איך גלויב: אַט דאָס קען פועלן לייכט דער פויפסט.

קאַרדינאַל

(קוקט זיך דורך מיטן פּויפּסט)

זיין הייליקייט געפינט באַנייס איצט אויס.
פון לאַנג שוין זיינען פּויפּסטן צוגעוויינט,
אַז יידן זאָלן קומען בעטן טובות.

ראובני

נו יאָ . . . דער פּויפּסט איז פּויפּסט, און ייד איז ייד —
צעווישן זיי — דאָס בוך דאָ אויף דעם טיש,
די ביבל — אַן הלוואה שוין אַן אַלטע,
גענומען גאָר אַמאָל ביי יידן. ייד!

(ווענדט זיך צו דער סקולפּטור פון יעזוסן, וואָס שטייט דאָ אין ווינקל)

מען לייט, מען באָרגט ביי דיר פאַרשידענעס.
האָט איינמאָל אונטערוועגנס פּאַסירט: מען האָט
פאַר איינס שוין אויך דערווייל געבאָרגט ביי דיר . . .
א גאָט! . . .

קאַרדינאַל

דאָס אַלץ איז אַלט שוין זייער.

ראובני

אויב דאָס איז אַלט, בין איך דערפאַר גאַנץ ניי.
אין נאָמען פון רחמנות ס'האָט דער ייד
פון תמיד אָן גערעדט צום פּויפּסט. און איצט —
צום ערשטן מאָל פון נאָך בר־כוכבא שטייט
פאַר אייך אָ ייד, און ניט ער בעט — ער מאָנט
אין נאָמען פון זיין קראַפט דער יידישער!

מאָנטינאָ

(גיט איבער דעם פּויפּסטס ווערטער)

די אויסווירקונג אויף לענדער דאָ, זיי זאָלן
אַריינלאָזן צוריק צו זיך די יידן,
ניט אָנבינדן קען זיך דער פּויפּסט אַצינד.

ראובני

איז דאַן . . . איז דאַן בין איך ניט ערוב שוין
פֿאַר אונדזער בונד מיט אייך. נאָך מער! איך קען
די קריגער מיינע — כ׳בעט פֿאַרגיבן מיר —
איך זאָג: ניט זיכער בין איך, אַז די לייט
ניט נעמען וועלן דאָרט די שווערד אין האַנט
אין בונד גאָר מיט די טערקן קעגן אייך,
ווי נאָר עס וועט צו זיי אַהין דערגיין
דער ווײ־געשריי פֿון היגע ברידער. נאָר . . .
איך האָב אַן אויסוועג דאָך . . .

קאַרדינאַל

אין וואָס באַשטייט ער?

ראובני

מיין אויסוועג איז: באַוואָפֿענען אויך זיי,
די קינדער פֿון ישׂראל, וואָס מען האָט
פֿאַריאָגט פֿון שפּאַניע. אַ חייל מאַכט
פֿון זיי אַ שטאַרקס, און שלאָגן וועלן זיי
מיט אייך אינאיינעם זייער פֿיינט דעם טערק,
וואָס איז דער שונא אויך פֿון אייער לאַנד —
איר מאַכט פֿון זיי אַ חייל!

קאַרדינאַל

פֿון זיי אַ חייל?

ראובני

איך לייג עס פֿאַר אייך פֿאָר און גיב נאָך צו:
די קאָסטן פֿון דעם וואָפֿן, וואָס פֿאַר זיי
איז בויטיק, נעמט מיין לאַנד דורכאויס אויף זיך,
און זיכער זאָג איך: דאָס וועט זיין אַ שטאַרק
און פֿאָרכטיק חייל.

מאָנטינאָ

(גיט איבער דעם פּויפּסטס ווערטער)

פון וואַנען קענט איר זיי ?

ראובני

פון מיינע ברידער דאָ אין פּלאָג, איך פיל
אין זיך דאָס בלוט און איך פאַרזיכער אייך :
פאַר יענע, וואָס צווישן זיג און שייטער
איז קיין מיט בישטאָ, פאַר יענע זייט
געוואָרנט :
מיט נקמה ער
וועט ענטפערן נאָך
זיינע פיינט.
ונקש
ישיב
לצריו
אין אָט דעם בוך איז דאָס אַריינגעשריבן.

(דער פּויפּסט רוקט די ביבל נעענטער צו זיך און ליגט ארויף אויפן בוך דעם צלם. ראובני פארנייגט זיך און פארלאזט אויפגעבראכט דאס מאנאכן־צימער. דער פּויפּסט, וואס שטייט געשווינד אויף, און דער קארדינאל באַגלייטן אים מיט די בליקן און קוקן זיך נאכדעם אדורך).

פּויפּסט

געוויינלעך יידן ריידן ניט אַזוי.
דער פירט זיך, ווי אַ פּרינץ אַן אמתער.
גאַנץ שטאַרק איז ער ביי זיך, מיין איינדרוק איז :
ער רעדט אין נאָמען פון אַ קראַפט אַן עכטער.

קאַרדינאַל

דעם קויפער קאַרלען צושאַרן דאָ קען מען
באמת נאָך אין הינטערלאַנד פון טערק
אַ יידיש חייל אים צו הילף אַצינד . . .

פּויפּסט

געניי מען מוז באַנייס די זאַך אויספאָרשן.

קאַרדינאַל

אויף זיך דאָס נעמט סיניאָר מאָנטינאָ.

מאָנטינאָ

איך הער.

(פאַרנייגט זיך)

פ אָ ר ה אַ נ ג

צווייטער אַקט

בילד צוויי

אין פאַנטאַסטישן מזרח־סטיל איז אויסגעפוצט אַ זאַל אין אַ פּאַלאַץ. אויף דער וואַנט הענגט בענוועני דאָס געשענקטע פאָן מיט די ווערטער „דגל מחנה יהודה“· פון אַקעגנדיקער דורכאויסיקער פענצטער־וואַנט זעט מען אַן אומענדלעכע צעכוואַליעטע ים־בלויקייט, ווי דער פּאַלאַץ וואָלט געשטאַנען אין מיטן ים. בענוועני דאַ אין אויבערשטע קליידער קוקט אַרום דאָס צימער. נאָך איר גייט נאָך שבתי.

בענוועני דאַ

ווי שטיל איז דאָ און ווי געהיים ! דו מיינסט,
צום האַרצן וועט דען זיין דיין האַר מיין שלאָס
וואָס איך האָב איצט דאָ צוגעגרייט פאַר אים ?

שבתי

געוויס מיין ליבע הערשערן, געוויס.

בענוועני דאַ

צום ים אַן אויסבליק וועט דער פּרינץ דאָ האָבן.
דער ים — דער רוישט דאָך, קלער איך, אויך ביי אים
אין לאַנד.

שבתי

געוויס מיין ליבע הערשערן, געוויס.

בענוועני דאַ

דו מיינסט אַזוי ? ווי גרויס און רייך איז דען
זיין לאַנד ? . . . פאַרוואָס רעדט זעלטן וועגן דעם
דער פּרינץ ?

שבתי

ס'איז פון באַשיידנקייט, סינאָראַ.
ניט אָפּצושעצן איז דאָס רייכקייט דאָרט.

בענוועניִדאַ

פּיל גאָלד ? פּיל איידל־שטיינער ? דימענטן ?

שבתי

פּאַראָן, סינאַראַ — רייכקייט איידעלע —
מען קען זי ניט באַרירן מיט די הענט.

בענוועניִדאַ

וואָס הייסט עס דען ?

שבתי

ס׳איז רייכקייט העכערע,
וואָס פירט דאָס פאָלק דורך אַלע אומגליקן,
צו גליק.

בענוועניִדאַ

ווי גוט עס מוז דאָרט זיין ! . . . איך גיי,
געדענק נאָר גוט, אַז וויסן טאָר ניט קיינער
פון די געוועזענע מאַראַנען, וואו
עס וואוינט דער פּרינץ. פּיל גרויסעס אויפּצוטאָן
אים שטייט דאָ פאָר. היט אָפּ דיין האַר, שבתי !

שבתי

איך היט ! נאָר וויסן זאָל די הערשערן :
דעם פּרינץ זיין רו שוין איצט צעשטערט אַ מענטש.

בענוועניִדאַ

ווער איז דער מענטש ?

שבתי

אַט דאָס איז נאָך דערווייל
ניט קלאָר. ער הייסט, האָב איך געהערט, ר׳ שלמה.

בענוועניִדאַ

ער קומט אַהער צום פּרינץ ?

שבתי

אָ, ניין, סינאָרע,
ער דרשנט בלויז פאַר יידן אין די שולן
אַז ניט קיין יידיש לאַנד פאַרמאָגט דער פרינץ —
די קעניגרייך פון הימל־גייסט עס וויל
ראובני איצט אַראָפּברענגען און שוין.
ראובני איז משיח, זאָגט ער אָן, —
און ער — ר׳ שלמה, איז זיין נביא.

בענוועני דא

נביא ? . . .
אַ פלוידעריי ניט מער . . . ווער גלויבט אים דען ?

שבתי

מען גלויבט אים. אַ קאמעטע דאָ ניט לאַנג
האָט ער פאָראויסגעזאָגט, אָט דער ר׳ שלמה,
און פינקטלעך ווען, באַגלייט מיט וועלכע שטערן
זי וועט אין הימל זיך באַווייזן, און זי
צו יענער צייט האָט ווירקלעך זיך באַוויזן.

בענוועני דא

און דאָס איז אַלץ באַוואוסט דעם פרינץ ?

שבתי

יאָ־יאָ.
סינאָרע, אויך צום פויפּסט אין וואַטיקאַן
איז דאָס דערגאַנגען שוין.

בענוועני דא

צום פויפּסט קלעמענס ? !

דא פּיזאָ

(קומט אריין אינאיינעם מיט צוויי ווענעציאנער)
נאָך אַלץ נישטאָ דער פרינץ ? צי טרעפן זיך
מיט אייך דאָ, אונדזער ליבע בענוועני דאָ,

איז איצט פאַר מיר אַ גליק. מיט אַט די לײט
די בעסטע שיפּבוי־מײסטער דאָ בײ אונדז,
פאַרהאַנדל איך — זײ װעלן גיך איצט בויען
די שיפן פאַר דעם פּרינץ.

(שבתי לאָזט אַרײַן די שיפּבוי־מײַסטער אין אױפנעם־צימער).

בענװענידא

צו װאָס די שיפן ?

דאָ פּיזאָ

ס'איז קלאָר ! פיל פײער־שיסנדיק געװער
האָט דאָך דער פּרינץ באַשטעלט דאָ. הײנט װי קען
צו אים אין ייִדיש לאַנד דאָס שיס־געװער
אָן שיפן קומען ?

בענװענידא

(פירט אים אַװעק אָן אַ זײט)

װעגן רבי שלמה . . .

דאָ פּיזאָ

געהערט, געהערט, דאָס קען די גאַנצע זאַך
פאַרשטערן. שליסן קען מען װידער מיר
מײַן ליסאַבאָנער באַנק־הױז. געלט איך אײַל
דעריבער אָפּצוציען פון דאָרט װאָס מער
און עס פאַרטאָן אין בויען שיפן.

בענװענידא

גאָט ! . . .

דער פּאָרטוגאַלער קעניג שוין באַװיליקט האָט
דעם פּרינץ בײ זיך אין פּאַלאַץ אױפצונעמען
אַלס אַמבאַסאַדאָר פון אַ ייִדיש לאַנד . . .

דאָ פּיזאָ

יאָ־יאָ, און דאָ פאַרשפּרײטן ייִדן קלאַנגען,
אַז ניט קײן װירקלעך לאַנד פאַרמאָגט דער פּרינץ —
ער איז גאָר עפּעס אַ משיח דאָרט.

בענוווענידא

אַ שאַנד!

(צו שבתין)
איך גיי אַוועק, שבתי, אויף קומען באַלד
צוריק, און דו בלייבסט וואַרטן אויף דיין האַר.

(גייט אוועק אינאיינעם מיט דא פּיזא. דינה ברענגט אריין אַ טעפּיך מיט אויסגעוועבטע ווערטער „לאַנג לעבן זאָל דער פּרינץ")

דינה

דעם לעצטן טעפּיך שוין האָט זי אַהער
געשיקט — „נגידה דאָנא בענוווענידאַ . . ."
איך הער: אַזוי דאָך רופט זי דאָ דער פּרינץ.
(שפּרייט פאַנאַנדער דעם טעפּיך)
וואָס האָסטו דאָ גערעדט מיט איר פון איינעם
ר' שלמהן?

שבתי

(טוט זיך איבער אין פּאַיאַץ־קליידער)
הערסט אַלץ אונטער, מיידל? שלעכט!
געוואָרנט האָב איך דיך פיל מאָל דערפון.

דינה

געוואָרנט יאָ! געלערנט כ'האָב דאָס אַלץ
פון דיר נאָך דאָרט אין שלאָס ביי די דא פּיזאס —
איך טו דיר נאָך . . .
(לאַכט, לאָזט זיך אוועק איבערן טעפּיך אין אַ פּלאַסטישן געדריי מיט פאַרמאַכטע אויגן און שטויסט זיך אָן אין שבתין)
„נגידה בענוווענידאַ":
נו זאָג: וואָס הייסט דען?

שבתי

באַפעלערן.

דינה

און ביידן אונדז דאָ רופט ער פשוט: „קנעכט!"
עס אַרט דיך ניט, דו לץ?

שבתי

עס אַרט מיך ניט.

אַ לץ ! . . . נו יאָ. אַ לץ פון כמאַרעס שפּעט

ווייל ער — ער גלויבט, אַז אונטער זיי דאָרט שיינט

אַ העלע זון. האָסטו פאַרשטאַנען מיך ?

(ענדיקט זיין פּאַיאַץ־טואַלעט, זינגט)

דאָרט, וואו פּרינצן

הערשן עכט,

דאָרט ווידמענען

זיך מוזן

אויכעט קנעכט.

ס'איז אַ געזעץ . . .

דינה

אַזוי זינגט אַ לץ.

(דערהערט קלעפּ אין ווייטן אריינגאַנג. לויפט עפענען. יעקב מאַנטינאַ קומט אריין)

מאַנטינאַ

אַהער אין פּאַלאַץ האָט מען מיך געבעטן,

צי אין דעם פּאַלאַץ דאָ אין שכנות ?

שבתי

אַהער, סיניאָר מאַנטינאַ, גרויס־געלערנטער

און מעדיצינער.

מאַנטינאַ

קראַנק ווער איז ביי אייך ?

שבתי

אַליין דער פּרינץ איז קראַנק, דער אַמבאַסאַדאָר

פון קעניגרייך דעם יידישן און ווייטן,

וואָס גרענעצט מיט דער מדבר פון כאַבור.

(בעט אים זיצן)

מאַנטינאַ

אַזוי ! . . . דער פּרינץ דער יידישער ? . . . איז וואוינט ער

אָט דאָ ?

(קוקט זיך ארום אין צימער, זעצט זיך)

דעם אמת זאָגט: אַ פּרינץ איז ער, צי ... ?
ניט שטעלט, סיניאָר, אַזוי די פראַגע מיר —
זיין דינער בין איך און זיין פריינט.

מאָנטינאָ

ווי־ווי ? ...
זיין דינער און זיין פריינט ...
(לאכט)
אַן עבד עברי ?

שבתי

אַ קנעכט אַ יידישער.

מאָנטינאָ

וואָס זאָגט „אהבתי״?

שבתי

כ׳האָב ליב מיין האַר, ווייל איך אַליין אויף זיך
גענומען האָב די הערשאַפט זיינע.

מאָנטינאָ

פיין !
עכט ביבליש ! ס׳איז אַ פעלקעלע אַזאַ:
פון לכתחילה גאָר עס הייבט זיך זיין
געשיכטע אָן: „מיר זיינען קנעכט געוועזן״ ...

שבתי

יאָ־יאָ, סיניאָר — אַ קללה ! אויף מיר זי לויערט
און אויך אויף אייך, סיניאָר, וואָס שטאַמט פון יידן.

מאָנטינאָ

אויף מיר ? ... אָ, ניין ! אַוועק בין איך פון יידן
שוין זייער וייט ... זייט איר פון „יענעם״ לאַנד ...
מיט אייער האַר אַהער אַראָפּ געקומען,
איך מיין — מיט אים אינאיינעם זיך באַמיט,
אַז האָבן זאָל מען שפּעטער רעכט צו זאָגן:

צום עכטן אמת און צום גרעסטן שווינדל —
צו ביידע זיינען זייער פייאיק יידן ?

שבתי

ניט רעדט מיט מיר אַזוי סיניאָר, מאראן
בין איך. אַנטלאָפן כ׳בין פון פּאָרטוגאַל.
און ווייסט : אין ליסאַבאָנער צירק דעם לײַ
האָב איך געשפּילט און זיך אַליין — דעם ייד
כ׳האָב נאָכגעקרימט און נאָכגעמאַכט . . . אָט־אָט ! . . .
און וועגן דעם עס האָט דערהערט אַליין
דער פּרינץ דאָרט און צו זיך אַהיים פאַרופן.
„ביסט א מאראן !" — האָט ער געטראָפן. — „יאָ" —
האָב איך מיין קאָפּ פאַר אים געבויגן. — „ווי ? !" —
האָט ער געשטוינט, — „ווי וואַגט עס דען אַ ייד
אַ יידן איבערקרימען ?" — „ס׳איז מיין בענקען" —
האָב איך געזאָגט צום פּרינץ — „אַ שעה אין טאָג
בין איך אין צירק מיר פריי אַ ייד, זאָל זיין
אַפילו אין די קליידער פון אַ לײַ."
— „איז טאַנץ פאַר מיר דיין טאַנץ", באַפוילן האָט
דער פּרינץ. און כ׳האָב פאַר אים געטאַנצט. אָט־אָט . . .
(טאַנצט)

איך בין אַ ייד !
אויף וועלט־יאַריד
איך זיד און זיד —
פון אייביק אָן.
אָט בין איך גרויס,
אָט ווער איך אויס,
שוין גאָר אַ ברויז —
פאַרשפּילט דעם קאָן.
כ׳בין קליין.
איך אַליין
אויף אַ שטיין
מיין קאָפּ צעקלאַפּ מיר.

איך בין טויט !

— — — — — — — —

איך בין טויט ? . . .
פון אונטער קויט
אַ נייע הויט
וואַקסט אָן אויף מיר
כ׳קוק מיט ציטער,
ווי עס לעבן ווידער
מיינע גלידער, —
ס׳איז מיין קללה
איך בלייב איך,
אויף גיך, אויף גיך
איך קריך און קריך
אויף אַלע פיר . . .

(דערזעט אריינקומען ראובנין)

דער פרינץ ! . . .

(קריכט געשווינד אוועק, פארשווינדט).

ראובני

שלום לאדון מאַנטינאַ, ברוך הבאַ !

מאַנטינאַ

איר זייט געזונט ? . . . איז ווער מען היילן ?

ראובני

אייך !

מאַנטינאַ

גאַר מיך ? און ווער וועט היילן ?

ראובני

איך.

מאַנטינאַ

מיין קרענק אין וואַס באַשטייט, איך בעט מיר זאָגן.

ראובני

דעם בלוט אין לייב פון גאַנצן פאָלק איר שטערט
צו פליסן — איר און אַלע אייער גלייכן —
ווי אברים אָפּגעשטאָרבענע, האַלב־טויטע.

מאָנטינאָ

שוין זייער לאַנג געשטאָרבן איז דאָס פאָלק.
אַליין אַוועק פון שלאַכט, זיך אָפּגעזאָגט
פון אַלץ.

ראובני

פון אַלץ ? . . . אָ, ניין, אדון מאָנטינאָ !

מאָנטינאָ

נו יאָ, געלאָזט האָט עס פאַר זיך פון פאָלק
די בחינה בלויז, דעם גייסט און די כוונה —
נשמה נאַקעטע שוין אָן אַ גוף.
צו וואָס ? — אַז שלאָגן זאָל מען קענען עס
אין אַלע צייטן, ווי אַן אמת פאָלק ?

ראובני

נו, פרעגט ביים פאָלק צו וואָס.

מאָנטינאָ

כ׳פאַרשפּאָר צו פרעגן.
איך זאָג : נישטאָ אין דעם קיין זין.

ראובני

אָן זין
אַ פליי צו מאַכן קען איין פויגל נאָר,
אדון מאָנטינאָ. אַ גאַנצער פויגל־מין
בעת ער פליט פון לאַנד צו לאַנד אַריבער,
איז אין דעם גרויליק־קראַקען, אין דעם דרייעק
פון זיין הויכן אָנגעשטרענגטן שוועבן
באַהאַלטן עפּעס אַ באַדערפעניש.

מאַנטינאַ

צו מיר דערגייט דער נימשל ניט, מיין פריינט.
איך בין אַ מענטש פון שטרענגגן, שטרענגגן וויסן.

ראובני

כ׳ווייס, געהערט: אין מענטשנס מוח,
האָט איר דערלערנט עפּעס זייער וויכטיקס
און צווישן גרויס־געלערטע אייער נאָמען
האָט איר פאַראייביקט. פאַר אַ וועלט, אַ וועלט
אַ גאַנצער, גרויסעס האָט איר אויפגעטאָן
און ניט דאָס מינדסטע גאָר פאַר אייער פאָלק —
וואָס איז דאָס: גרויסע רייכקייט אָדער דלות?

מאַנטינאַ

מיט עפּעס ענלעכעס געמוסרט מיך
עס האָט ערשט היינט אַ יונגער אסטראָלאָג.
געבילדעט זייער שיינט צו זיין דער מאַן.
ער האָט דער ערשטער דאָס באַווייזן זיך
פון אַ קאָמעטע אָנגעזאָגט, נאָר דאָך,

שבתי

אַפּנים, טיף אין מיסטיק יידישער
און פרומער האָט ער זיך פאַרפלאָנטערט שטאַרק —
משיחס־צייטן, זאָגט ער, איז אַצינד
די גרויסע צייט, אגב, אויך וועגן אייך
האָט ער מיט מיר גערעדט.

ראובני

און וואָס געזאָגט?

מאַנטינאַ

די ווערטער „נצח ישראל לא ישקר״.
האָט ער אויף אייך, מיר דאַכט, אַזוי געטייטשט:
אין שטרייטן פאַר אַ פאָלק וואָס ליידט, צעגישט
און בטל ווערט גאָר דער באַגריף פון שקר.

ראובני

ר׳ שלמה הייסט ער ! ! . ווער האָט אייך מיט אים
צונויפגעפירט ?

מאָנטינאָ

איך קען דאָס אייך ניט זאָגן.

ראובני

און אייער קומען קיין ווענעציע
גראָד איצט ? און וואָס האָט אייך אַהער פון רוים
געבראַכט ?

מאָנטינאָ

פון ענטפער געבן אויף אויף דעם
איך זאָג זיך אָפּ.

ראובני

מען האָט דאָס אייך פאַרבאָטן ?

מאָנטינאָ

דאָס טייטשן קענט איר, ווי איר ווילט, מיין פריינט.

ראובני

איך טייטש : אין נאָמען פון זיין הייליקייט
דעם פויפּסט, באַפוילן האָט מען אייך אין רוים
אַלס ייד און מעדיצינער פעסטצושטעלן,
ווער איז דער רבי שלמה, אייער חוב
איז איבערצייגן איצט דעם וואַטיקאַן,
אַז ניט געבילדעט און ניט פרום איז ער,
ר׳ שלמה, נאָר — משוגע. טוט אַ טראַכט,
אדון מאָנטינאָ . . . כ׳בעט אייך . . .

(לאָדט איין מאָנטינאָן אין שכנישן צימער)

דינה

(אויף יענער זייט טיר)

אַהער, אַהער . . .

שבתי

(באַווייזט זיך, הערט זיך צו צום גערויש אויף יענער זייט טיר).

ווער קען דאָס זיין ?

(באַהאַלט זיך אונטערן פּאַרטיער)

דינה

(אַריינלאַזנדיק דעם נעגעציאַנט עמנואל און ר׳ יחיאלן)

וואַרט צו. אַהער מוז באַלד

אַריינקומען דער פּרינץ . . . און וועגן אים —

ר׳ שלמהן — ניט קיין וואָרט.

(אָפּ)

ר׳ יחיאל

איר האָט געהערט, סיניאָר עמנואל ? —

„און וועגן אים, ר׳ שלמהן — ניט קיין וואָרט !"

שבתי

(אַרויסקומענדיק אין די פּאַיאַץ־קליידער)

די סיניאָרן וואָס פאַרלאַנגען ?

ר׳ עמנואל

(דערשראָקן פון ניט דערוואַרטקייט)

מיר ? . . .

ר׳ יחיאל

דעם פּרינץ דעם יידישן מיר האָפן דאָ

צו זען.

שבתי

דער פּרינץ ראובני — דאָס בין איך,

די ברכה מאַכט ! . . . נו־נו ? . . .

ר׳ עמנואל

די ברכה ? . . . וועלכע ?

ר׳ יחיאל

די ברכה אויף אַ קעניג ? אויף אַ מלך ?

שבתי

נו יאָ — אַ קעניג איז די פּרי דאָך
וואָס הייסט אויף זיך אַליין אַ ברכה מאַכן . . .

ר׳ יחיאל

די ברכה אויף אַ קעניג, נו ? . . . סיניאָר
עמנואל ! . . .

(ביידע טיף־פארנייגט)

ברוך שחלק מכבודו
לבשר ודם !

שבתי

ובקשתכם, אדוני ?

ר׳ יחיאל

אויף לשון־קודש רעדט ער ! „אובאַקאַשאָטכעם”?
ער פרעגט, וואָס זיינען אונדזערע בקשות.
נו זאָגט, נו זאָגט, סיניאָר עמנואל.

ר׳ עמנואל

האַ . . . האַ . . . האַנדלען . . . האַנדלען מיט דעם לאַנד
פון יידן, מיט די שבטים פון ישראל . . .

שבתי

מה זה — „האַנדלען” ?

ר׳ יחיאל

ס׳הייסט עס, „האַנדלען ?”,
ער ווייסט ניט, וואָס איר מיינט. לאָזט ריידן מיך,
סיניאָר עמנואל . . . מיין גרויסער פּרינץ,
ווי רופט מען עס ביי אייך אין לאַנד . . . מטבעות ?
ווי הייסט די סאַמע גרעסטע אין לאַנד מטבע ?

שבתי

מעשים־טובים — עס רופט זיך די מטבע
ביי מיר אינגאַנצן לאַנד — מעשים־טובים !

ר׳ יחיאל

„מעשים־טובים !״ . . . איר הערט, איר הערט סיניאָר ?
„טאָן גוטס״ איז דאָרט גאָר אַ מטבע און נאָך
די גרעסטע ! . . . נו און ווי־זשע רופט מען דאָרט
ביי אייך, אדוני פרינץ, די קלענערע . . .
די גאָר־גאָר דריבנינקע מטבעלעך ? . . .
דאָס קליינגעלט, נו די גראָשנדלעך . . . דאָס מינץ . . .

שבתי

זיי רופן מיר „מעשים־טובים קטנים״.

ר׳ יחיאל

„קטנים !״ — די קליינע מעשים־טובים, הייסט עס . . .
איז, אָך, סיניאָר עמנואל, וואָלט איר
(טראַכט פאַרגאַפט)
געווען ביי אים אין לאַנד . . . אַ . . . קבצן ! . . .

ר׳ עמנואל

(אַנטוישט)
אַט זעט איר ! אויב קיין מיסחר און קיין געלט,
איז אויך שוין קיין מלוכה דאָרט נישטאָ.
„קיין לאַנד און ניט קיין זון פון מלך.
די בחינה „מלכות״ בלויז״ — אַזוי האָט דאָך
(מיט אַ קבלה־ניגון)
געזאָגט אַליין דער הייליקער מאראַן.

שבתי

ר׳ שלמה האָט אַזוי געזאָגט ? . . . נו ענטפערט !
דעם אמת זאָגט . . . איר שווייגט ? איז איך ! איז איך,
דער זון פון קעניג ביי די שבטים של
ישראל, באַפעל אייך דאָ דאָס אָרט אָנרופן
פונוואַנען רבי שלמה איז אַהער
געקומען ?

ר׳ יחיאל

(צו ר׳ עמנואל)
ס׳הייסט פונוואַנען ? . . .

ר׳ עמנואל

ניט געקומען גאָר . . .

ר׳ יחיאל

תחית־המתים איז ער אויפגעשטאַנען . . .

ר׳ עמנואל

תחית־המתים, יאָ, מיר זיינען עדות.

ר׳ יחיאל

דערציילן וועגן נס לאָזט מיך — ער איז
מאראַן.

שבתי

נו, ווער ?

ר׳ עמנואל

נו, ער, אָט דער ר׳ שלמה.

ר׳ יחיאל

אַ גר אַ הייליקער . . . צו יידן דאָ
געקומען בעטן : ברענגט מיך אין אברהם
אָבינוס ברית אַריין וואָס גיכער־גיכער.
און ווייל די יידן האָבן לאַנג געקווענקלט.

ר׳ עמנואל

עס קומט פאַרברענען דאָ אין לאַנד דערפאַר.

ר׳ יחיאל

האָט ער, דער גר, אין זיין אכסניה דאָ
פאַרשלאָסן זיך, אַליין זיך מל געווען
און אָפּגעגאַנגען דאָרט מיט בלוט און איז . . .

ר׳ עמנואל

געשטאָרבן . . .

שבתי

טויט ?

ר׳ עמנואל

נו יאָ, פון בלוט פּאַרלוסט.

ר׳ יחיאל

צו קבורה איך און ער, מיר האָבן שטיל
דעם גר דעם הייליקן געבראַכט — אַ מת !

ר׳ עמנואל

ווי אַלע מתים, ס׳הייסט — אַ בר־מנן.

ר׳ יחיאל

עס איז געווען מיט גרויען טאָגליכט שוין,
מיר האָבן אים אַראָפּגעלאָזט אין קבר.
דאָ פּלוצים האָבן מיר באַמערקט : זע־זע . . .

ר׳ עמנואל

ער רירט זיך גאָר . . . ער לעבט, ער לעבט . . . די ברכה
מיר האָבן גלייך געמאַכט : ברוך מחיה . . .

ר׳ יחיאל

פון דעמאָלט אָן עס לעבט צוריק דער מאַן
און זאָגט נביאות גרויסע.

שבתי

ר׳ שלמה ?

(דערהערט טריט)

קומט מיט מיר.

(אַלע אָפּ)

ראובני

(אַרויסגעקומען מיט מאַנטינאַן צוריק פון זייטיקן צימער)

און ווי באַשליסט איר דאָך, אדון מאַנטינאַ ?

מאַנטינאַ

ניט זאָגן קען איך דאָך : אַז רבי שלמה
איז ניט ביים זינען . . . . — מעדיצינישער
עקספּערט ! . . איך בין מחוייב מיין געוויסן
צו האַלטן ריין.

(פון דרויסן — אַ געזאַנג פון אַ געקומענעם המון. ראובני און מאַנטינאַ הערן זיך איין. עס קומט אַריין שבתי)

ראובני

שבתי, אדון מאַנטינאָ זאָגט: ער איז
מחוייב רייִן צו האַלטן זיין געוויסן —
נו־יאָ — מעדיצינישער עקספערט! . . .

שבתי

און אייער חוב פאַר זיי סיניאָר, פאַר זיי
וואָס ביי דער טיר פון פרינץ דאָ יאָמערן.

מאַנטינאָ

ווער זיינען זיי?

ראובני

נו, שטעל זיי פאָר, שבתי.

שבתי

פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַליע
אַנטלאָפן זיינען זיי אַהער, די רעטונג
צו זוכן דאָ, און שוין . . . געבראַכט צום פרינץ
דעם ערשטן פרישן קרבן זייערן
פון אינקוויזיטאָרס היגע.

ראובני

אַלץ שליחים —
שליחים פון אַ פאָלק אַן אויסדערוויילטס,
וואָס אויף דער רו אויף זיינער אָנגעגעבן
מען האָט אַן אַדרעס אים: והיה באחרית
הימים . . .

מאַנטינאָ

מיר דאַכט: זיי זינגען גאָר . . .

ראובני

עס איז ביי זיי אַ מיטל שוין אַן אַלטס —
זיי זינגען צו נאָך אויפן וועג פון אומקום.

שבתי

דעם הייליקן ר׳ אמנון טראָגן זיי
מיט זיך אַרום — דעם דיכטער דעם באַרימטן,
וואָס האָט די תפילה פון „ונתנה תוקף"
פאַרטראַכט און אויסגעשריגן ראש־השנה,
ווען ס׳האָבן אים די אינקוויזיטאָרן
געפּייניקט, — לאַנגזאַם, לאַנגזאַםביידע הענט
און ביידע פיס אים אָפּגעזויגן. דאָן
האָט ער פאַרלאַנגט מען זאָל אים אַלס פּראָטעסט,
הגם ער לעבט נאָך, אויף אַ שוואַרצער מיטה
כסדר טראָגן, ווי מען טראָגט אַ מת.
דאָס זינגען זיי דאָ זיין „ונתנה תוקף".

(עפּנט דעם פענצטער, דורך וועלכן עס הערט זיך שטאַרקער דאָס געזאַנג
פון דער מחנה, און זינגט־מיט מיט גרויס עקסטאַז)

ראובני

איר הערט ? . . . איר שווייגט ?. . . איז דאָן מיין ראָט, אדון
מאָנטינאָ : איבער הונדערט צוואַנציק יאָר
פאַרגעסט ניט זיך צוקאָפּנס אונטערלייגן
אין קבר אייער מעדיצינישן
געוויסן. כ׳דאַנק פאַר אייער וויזיט.

פארנייגט זיך. מאנטינא גייט אוועק)

אַ קול

(פון דער מחנה אינדרויסן)
אַנטפּלעק זיך אונדזער מלכות ! ווייז זיך ! ווייז זיך !

ראובני

שבתי, פון מיר דען וואָס פאַרלאַנגען זיי ?

שבתי

פון אַ פאַרבאַרגענעם משיח גלייך
דו זאָלסט איצט אַן אַנטפּלעקטער פאַר זיי ווערן.

ראובני

און דאָס האָט ער אַליין — ער זיי אָנגעשיקט
אויף מיר ? ! שוין ווידער ער ? !

שבתי

דער רבי שלמה!

ראובני

ניטאָ קיין רעטונג גאָר פון אים!...

(פאַרמאַכט אויפגעבראַכט דאָס פענצטער)

איך האָב געזאָגט: צו נאָענט לאָזט ניט צו

צו מיר די ליידן. נאָענט טאָר איך זיי

ניט זען.

(פאַרטראַכט זיך, זינגט שטיל)

נחרב ונשרף אוהלי

מהר אלי גואלי

מעוז צור ישיעתי

מרחוק שמע שועתי.

שבתי

(רייסט אַראָפּ פון זיך די פּאַיאַץ־קליידער)

איך שפּיל ניט מער און בין ניט מער דיין קנעכט!

ראובני

דו אויך אַקעגן מיר?... דערקלער פאַרוואָס,

שבתי.

שבתי

ווייל איצט אין הארץ אין מיינעם כ׳פיל

קיין שטאַרקייט מער. עס האָט קיין זין פאַר מיר

צו זיין ביי אַ פאַרקנעכטעטן אַ קנעכט.

ראובני

צו וועמען דען בין איך פאַרקנעכטעט, זאָג:

שבתי

צו אים, ר׳ שלמהן! וואָגסט ניט שטעלן זיך

אין אָפענעם געפעכט מיט אים, ווען ער

אין אַלע שולן קומט אַרויס פאַר יידן

מיט זיינע דרשות דאָ.

ראובני

אין אָפּענעם
געפּעכט מיט אים — אַ טרוים פון גאַנצע דורות ?

שבתי

אַלצאיינס, אַלצאיינס : דיין פאָלק מיט קראַפט דו ווילסט
באַשענקען דאָך, אַן אָנשפּאַר ערגעץ־וואו
אויף ערד דו זוכסט פאַר דעם, איז ריים אַרונטער
אַט דעם ר׳ שלמהן און צעשטער זיין טרוים
וואָס רופט צום הימל !

ראובני

ניין, שבתי, ניט דאָס.
הער אויס : עס איז אַן אַלטע פּלאָג ביי יידן,
זי שטאַמט פון יעקבס חלום. אָפּגעשוואַכט
מיט לבנס פאַלשקייטן, האָט ער דערזען
אַ לייטער, וואָס זיין שפּיץ דערגרייכט צום הימל.

שבתי

אַלצאיינס פון וואַגען שוואַכקייט שטאַמט. די קראַפט
פון אים, ר׳ שלמהן, גראָד אַנטפּלעקט האָט זי
אין דיר, און ווער וועט דען מיט פרייען ווילן
דעם עול פון שוואַכקייט אויף זיך נעמען — זיין
ביי קנעכט אַ קנעכט ?

ראובני

איז איך בין דאָס דער קנעכט
און דו, שבתי, דו לאָזט מיך איצט אַליין ?

שבתי

צו די דריי הונדערט טויזנט מיינע יידן,
אין ליסאבאָנער האַפן כ׳קער זיך אום
אַצינד. איך קום פון זיי און נאָר מיט זיי
אינאיינעם וועל איך ליידן . . . סיידן, דו גייסט
באַקעמפן אים, — ר׳ שלמהן.

ראובני

שרעק מיך ניט ! . . .

אויך איך געהער לויט מיין געפיל צו זיי
אין ליסאַבאָן.

שבתי

איך שפיל ניט מער קיין קנעכט !

ראובני

דו שפילסט ניט מער קיין קנעכט ? שפיל איך ניט מער
קיין פרינץ ! נו, קום און באַלד, איך גיי מיט דיר
אַרויס און זאָג עס פאַר זיי אַלע אָפן :
נו, גייט מיט אים, ר׳ שלמהן ! . . . נו קום . . . נו קום ! . . .
דאָס ווילסטו ניט ? פאַרוואָס ?

שבתי

(נאָך אַ שווער שווייגן).

פאַרגיב, מיין האַר . . .

ראובני

אַרונטעררייסן כ׳וועל אים איינעם היינט
אָט דעם, ר׳ שלמהן, נו און מאָרגן ? . . . מאָרגן
ווי וועט עס זיין ? דאָס שוואַכע פאָלק וועט באַלד
דריי אַנדערע שוין אויף זיין אָרט געבוירן.
עס האָט קיין צוועק, שבתי, אָט זע : איך זוך
אַ רעטונג פאַרן פאָלק אין אָט דער נייער
און גרויסער צייט — אַ שטראַל, אַ שפּאַלט כאָטש איינעם
אויף דורכשפּאַרן עס צווישן פעלקער.
נו זע : פיל וועלטן נייע מ׳האָט אַנטדעקט
און אַלץ קיין וועלטעלע קיין מינדסט נישטאָ
פאַר אָט דעם פאָלק . . .

(פאַרטראַכט זיך)

שבתי

נו זוך . . . דו מוזט געפינען,
און מיר פאַרגיב, מיין האַר, פאַרגיב . . .

ראובני

(וואכט אויף פון פארטראכטקייט)

איך זוך . . . אין אויפנעם־צימער עמעץ ווארט ?

שבתי

די שיפבוי־מייסטער, וואס דא פיזא האט
אהער געבראכט, — זיי וועלן בויען דיר
די שיפן, פיל־פיל שיפן . . .

ראובני

דניאל דא פיזא
אט דער באנקיר ?   צי וואס דען דארף ער, איך
זאל האבן שיפן ?

שבתי

רעטן זיין פארמעגן
פון פארטוגאלער באנק־הויז מיינט ער איצט
דורך דיר און עס אריינלייגן אין שיפן.

ראובני

אזוי גאר מיינט ער ? . . . גוט ! . . . דו הער, שבתי :
אין ליסאבאנער האפן כ׳וועל די יידן
ארויפזעצן אויף שיפן, כ׳וועל געווער
אין האנט זיי געבן און זאל די גאנצע וועלט
כאטש איין מאמענט דערזען אויף זיי די שיין
פון זייער זעלבסטשטענדיקער קראפט און דאן . . .
און דאן וועל איך צו היגע הערשער זאגן :
— „פיל נוצן קען איך ברענגען אט דאס פאלק,
פארוואס־זשע ווארפט איר זיך מיט דעם ?״ — יא־יא
שבתי ! א שיף איז אויך א שטיקל באדן . . .
„המפליג במפינה״ . . .
ניט גאר אומזיסט עס גילט פון תמיד אן
ביים ייד געזעצן אייניקע אויף שיפן,
ווי ממש אויף דער ערד, איז שיפן דארף איך
א סך, א סך. איך גיי . . .

(גייט אוועק אין אויפנעם־צימער)

שבתי

און דאָס זאָל זיין דער אָנהייב פון אַ רעטונג ?

(זינגט מיט אַ גמרא־ניגון)

„המפליג בספינה" —

אַז איינער שווימט אויף ימען אין אַ שיף —

א משנה אַן אַלטע אַזאַ פאַראַן. נאָר ער —

ער האָט אַ נייע משנה איצט פאַרטראַכט —

אַ שווערע משנה . . .

(הערט זיך צו צו דער טיר פון אויפנעם־צימער)

אַן אָנווייזונג אויף געלט ער גיט די בויער

צו בענוועניִדאַן . .

(זינגט)

איי בענוועניִדא,

דיין הייסע ליבע

צום פרינץ געהערט —

פאַר דיר זי ווערט

כהאי לישנא :

אַ שווערע משנה !

(באַגלייט אַרויס די שיפסבוימייסטער, וואָס קומען אַרויס פון אויפנעם־צימער, פאַרשווינדט אינאיינעם מיט זיי).

ראובני

(קומט צוריק פון אויפנאַם־צימער, שטייט פאַרטראַכט, רוקט אַרויס פון אַ זייט־שרענקל אַ שיפלאַד, וואָס איז פול מיט האַנט־אינסטרומענטן, נעמט מייס־טרעווען אַ גאָלדענעם בראַסליעט פון דראָט־אַרבעט, זינגט שטיל).

נכתב	צרות
ונחתם	רבות
גזר דיני	סבבני.

(שבתי קומט אַריין מיט אַ צונויפגעלייגטן מאַנטל אויף די הענט, בלייבט שטיין ביים אַריינגאַנג).

ראובני

ס'איז דו, שבתי.

שבתי

דיין קנעכט . . . אַט זי
האָט צוגעשיקט פאַר דיר, געהייסן זאָגן,
זי וועט אַהער באַלד קומען.

ראובני

בענוועניִדא ? !
(כאַפּט לײדנשאַפטלעך דעם מאַנטל)
ער שמעקט דער מאַנטל אירער — צרור המור !
אַראָפּגעטריפט אויף אים עס האָבן בשמים —
געררך פון בענוועניִדאַס פינגער. כ׳פיל
איר אָטעם שוין. עס שמעקט דער אָטעם אירער
מיט דופט פון ווילדער רויז אין פעלד.
(טוט געשווינד אָן דעם מאַנטל און דערזעט שבתיס צעקרימטן פנים)
וואָס קוקסטו שטאַר און ביין אַזוי אויף מיר ?

שבתי

פיל עלטער ביזטו פון דיין גאַנצן דור
מיט דיין געוואָגטן שריט און דאָך . . . איך זע :
דו פרייסט זיך, ווי אַ קינד מיט קליינע גלוסטן,
מיט יצר־הרעלעך, וואָס זיינען סם
פאַר דיר.

ראובני

יאָ ווייס, איך גאר נאָך בענוועניִדאַן
מיט אַלע שטאַרקע תאוות פון אַ פּרינץ !

שבתי

ביסטו דאָך אָבער העכער פיל און ווייטער —
דערגרייכט דו האָסט די בחינה פון אַ פּרינץ —
דעם גייסט, די רוחניות פון אַ פּרינץ אין טאַט —
דערהויבן שוין דו האָסט זיך דאָך צו די,
וואָס אָן אַ קרוין געקרוינט זיי בלייבן אייביק,
און ס׳איז אַ כלל, מיין האַר : וואָס העכער דו
געשטיגן האָסט . . .

ראובני

אַלץ טיפער זינק איך איצט ?

שבתי

אויב נאָר עס האַלט ביי פאַלן . . .

(פאַרנייגט זיך און גייט אַוועק).

ראובני

אויב נאָר עס האַלט ביי פאַלן . . . ס׳הייבט זיך אָן :
מיט בענוועוונידאס צאַרטע פינגער קלאַפּט
צו מיר אין פענצטער מיין ירידה.

(אינדרויסן שטאַרקן זיך ווידער די גוואַלדן פון דער מחנה פליטים).

קולות פון דרויסן

אַנטפּלעק זיך, אונדזער מלכות, ווייז זיך !
עס זאָל אַנטפּלעקן זיך דער האַר !

ראובני

זיי רופן מיך „דער האַר" און ווען הייבן
אויף מיר די רוט, ווי אויף אַ הונט, אויב נאָר
אַפילו אויף אַ רגע כ׳וועל מיין לייב
דערוואַרעמען ביים פייער־גלאַנץ פון „פּרינץ".
וואָס איך אַליין האָב אָנגעצונדן איצט
אויף רעטן זיי מיט אים פון פּיין און טויט.
איין קער פון מיר צו תאווהס אייגענע
פאַרפלעקט מיין נאָמען שוין אויף אייביק, ווייל . . .
די בחינה פון אַ פּרינץ בין איך — אַ פּרינץ
אַ יידישער, נשמה אָן אַ גוף,
אַ רוחניות . . . זאַט בין איך מיט בחינות שוין, —
געשפּענסט פון דולע קאַבאַליסטישע
רבנים, אַנשטאַט אַ פאָלק אָן אמתדיקס
זאָל מיך, דעם יידן אייביק מאַכן זאַט
דער גייסט בלויז פון אַ פאָלק. אַנשטאָט
צו ליבן זיך מיט אַ פּרינצעסן, גיי

פאַרליב זיך דו אין דער „פרינצעסן־שבת״
צי אין אַ לאַנד אַזאַ, וואו אַלץ עס זאָגט דיר:
„אַ פרעמדער ביסטו דאָ!״ . . . דער גלאַנץ פון פרינץ
פאַר מיר שוין גשמיות איז, און שטאַרקער ווערט
אין מיר די קראַפט, ווי אין אַן עכטן פרינץ,
ווייל ליידן גרויסע האָבן מיך געקרוינט.
און גרייט בין איך די גרויסע פיין פון פאָלק
פאַרגרינגערן און אָפּשטעלן אַצינד
זאָל זיין . . . אַפילו אויך דורך אויסטראַכטונג.

(פאַרטראַכט זיך, נעמט ווידער אַרבעטן אויפן בראַסליעט, זינגענדיק שטיל)

נחרב ונשרף
אוהלי
מהר אלי
גואלי.

(באַמערקט פלוצים בענוועניִדאַן, וואָס איז אַריינגעקומען און איז שטיין געבליבן).

בענוועניִדאַ

איך בויג זיך טיף פאַר דיר און בעט דיך פאַרט,
מיין פרינץ, פאַרגעס אַן דיין מלאכה דאָ.

ראובני

פאַרוואָס דען? חתן־כלהדיק איז מיין
מלאכה. זי פאַרשאַפט מיר פרייד. אָט זע

(דערנעענטערט זיך צו איר, טוט איר אָן דעם בראַסליעט)

מיין בראַסליעט, צי מיין קידושין־רינג —
ער מאַכט די כלה שענער, לאָמיר זאָגן
ניט מער, ווי אויף אַ האָר. און דאָך . . . מיט איר
אינאיינעם ווערט דאָך שענער אויף אַ האָר
אין חתנס אויגן אויך די גאַנצע וועלט!

בענוועניִדאַ

איך מיין: ניט שענער, נאָר מער תאווהדיק . . .

ראובני

מער תאווהדיק ! . . .

(טרעט אָפּ קוקנדיק אין בענוועניִדעס אויגן)

פֿאַרבאָטן ביסטו מיר . . .

דו ביסט אַ פֿרעמדנס פֿרוי — אַן אישת־איש !

בענוועניִדא

(לאַכט)

פֿאַרבאָטן יאָ . . . נאָר איז דען דער פֿאַרבאָט
פֿאַר בני־מלכים גילטיק ? דער מאַכט־האָבער
טוט אַלץ, און די געשיכטע איז אים מוחל,
ווײַל גרויסעס האָט ער אויפֿגעטאָן, פֿאַרגיבן
האָט גאָט אַליין דעם קעניג דודן
אויף זײַן בת־שבע־זינד. און דו, מײַן פּרינץ,
גיי דרייסט אין זײַנע וועגן. כ'פֿיל אין דיר
זײַן הייסעס בלוט — ער איז געווען דײַן זיידע !

ראובני

מײַן זיידע ? . . .

(פֿון דרויסן הערן זיך ווידער די געשרייען פֿון די פּליטים)

מײַן פֿאָלק ! . .

(טרעט אָפּ פֿון בענוועניִדאַן)

ניט ריר זיך אָן אָן מיר : דו ביסט — מײַן פֿאַלן.

בענוועניִדא

(וואַרפֿט אַראָפּ פֿון זיך איר אויבערשט קלייד)

פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס דײַן פֿאַלן ? . . . זע מײַן פּראַכט !
אָט זע : איך בין באַשאַפֿן פֿאַר מלכים.
פֿאַר זיי — מײַן שויס.

(זינגט)

אויף דײַן לינקער האַנט מײַן קאָפּ
כ'וועל אַנלענען
מיט דער רעכטער האַנט
מיך נעם אַרום !

איך האָב אַ טרוים אַזאַ געהאַט:
צי פּאַס איך דען ניט, זע,
פאַר דיין פּרינצעסין דאָרט
ביי דיר אין לאַנד?

ראובני

יאָ, יאָ . . . נאָר גיי אַוועק
אַצינד פון מיר.
קומי לך
רעיתי
יפתי
ולכי לך.

בענוועניד׳א

איך בענק און גאַר אַזוי נאָך דיר, מיין פּרינץ.
אין האַרץ איך טראָג דיין וואונטש פון ערשטן טאָג,
ווען איך האָב דיך דערזען, און אויף מיין ברוסט
געפאַלן איז דיין בליק.

ראובני

(רייסט זיך ארויס פון אירע ארעמס)

דו גיי אַוועק אַצינד
פון מיר.

בענוועניד׳א

אך, דיינע וויל איך ווערן . . .

ראובני

גיי

אַוועק.

בענוועניד׳א

כ׳געפעל דיר ניט?

ראובני

(אפטרעטנדיק פון איר, צעעפנט דאס פענצטער, שרייט:)

לאָזט אַריין צו מיר די ליידן!

(דורך די ברייט־צעעפנטע טירן קומט אריין די מענגע אן אפגעריסענע פליטים. אין דער הויך, העכער זייערע קעפ, טראגן זיי די שווארצע מיטה מיט ר׳ אמנונען און זינגען דעם כאראל:)

„ויכון בחסד כסאך
ותשב עליו באמת.״

(זיי זעצן זיך אוים גרופעסווייז אויף די טעפיכער און לעבן דער וואנט, וואס באשטייט דורכאויס פון פענצטער און גייט ארוים צום ים, ווי א דעק פון א שיף.)

ראובני

(צו בענוועניד און)

אין ליסאבאנער האפן באלד א יאר
אזוי אט זיצן זיי און שטארבן אוים.
איז מיט דער הילף פון זייער פיין איך וועל
זיי לערנען זיגן, ניט דערלאזן כ׳וועל
עס זאלן אנדערע באנוצן זיך
מיט זייער לייד, ווי מיט א קראפט.

(שטימען פון צווישן יענע, וואס נאענט ביי דער טיר)

— ר׳ שלמה קומט אהער!
— ער גייט צום קדוש ר׳ אמנון!

(ר׳ שלמה — א גרוי־געווארענער, אן אויסגעצערטער און געל־געווארענער קומט אריין. ראובני און בענוועניד א ציטערן אויף, דערקענענדיק אין אים דאנא פירעסן).

ר׳ שלמה

(מיט א קבלה־ניגון שפאנענדיק צו דער מיטה אויף וועלכער עס ליגט ר׳ אמנון)

די וועלט איז א וואג־שאל.
א וואג־שאל.
אויף איין עק — קראפט,
אויפן צווייטן עק — חסד —
חסד!
קראפט איז עמלק!
קראפט אדום!
קראפט איז המן!
קראפט איז רוים!

קראַפּט איז די אינקוויזיציע,
חסד — זיינען יידן,
אויף יידן ווערן אויסגעפּרואווט די פעלקער !
אויף יידן ווערט אויסגעפּרואווט די וועלט !

איינער פון די נוסע במיטה

עס זאָגט עפּעס ר׳ אמנון !

ר׳ שלמה

(צובויגנדיק דעם אויער צו ר׳ אמנונס קאָפּ)

ער זאָגט :

(ווייזט אויף ראובנין)

אַנטפּלעק זיך, הייליקער משיח, אַנטפּלעק זיך . . .

(ארויסטרעטנדיק פאַרן עולם)

משיח ? ! . . . ניט משיח בין איך דאָ
פאַר אייך. איך בין אַ קראַפּט אַן ערדישע !
אַ קראַפּט אַן ערדישע !

פ אָ ר ה אַ נ ג

דריטער אַקט

דער געריכט־זאַל אין וואַטיקאַן. אַרקעס און אַ ברייטער אַראָפּגאַנג פון אַ העכערן גאָרן. ברייט־צעעפנטע טירן פירן אין שכנישן קלויסטער אַריין, וואו מען קלינגט צו אַ מעסע. אַן אַלטער מאָנאַך — אַ וואַטיקאַן־דינער, ענדיקט אויפראַמען דעם זאַל און שרייט אַן אויף דורכגייענדיקע דאָמיניקאַנער.

מאָנאַך

פאַר עלצטע ! . . . פאַר עלצטע בלויז — דער דורכגאַנג דאָ,
און ניט פאַר אייך, איך לאָז ניט גיין מער !
(פאַרהאַלט דעם לעצטן דאָמיניקאַנער — אַ הינקענדיקן אין אַ קאַפּושאַן)
צו גאָטס־דינסט האָסט פאַרשפּעטיקט שוין, פּויליאַק !

דאָמיניקאַנער

ניט איך פאַרשפּעטיקט האָב דאָ, נאָר מיין פוס
אָט דער, שטאַרק פרום איז ער, דער פוס, נאָר קרום.
דו זאָג מיר בעסער, פריינט, וואָס איז דער מער
אַצינד ? עס איז אַ טאָג פון גרויער וואָך
און מיטאַמאָל אַ רוף איך הער אַזאַ
צו פייערלעכן געבעט. עס האָט געמוזט
פּאַסירן עפּעס גרויסעס, גרויסעס היינט.

מאָנאַך

דערקלערט עס האָט מלחמה דער פראַנצויז
פראַנציסקאָ אים, דעם לעצטערער פון גאָט . . .
נו, אימפּעראַטאָר קאַרלען, אָט דעם דייטש,
וואָס האָט מיט ליוטערס לער געוואָלט די וועלט
באַגליקן.

דאָמיניקאַנער

פאַר פראַנציסקאָס זיג אַ פייערלעך
געבעט ווערט אָפּגעריכט אין וואַטיקאַן ?

מאָנאַך

אַדורכגיין וועט דאָ באַלד דער פּויפּס, אַליין,
באַגלייט מיט אַלע קאַרדינאַלן — גיי!
פאַרשווינד! אָט זע: ווי פול איז שוין דער קלויסטער!

דאָמיניקאַנער

דער פּויפּסט אַליין?! איז זיי אַ גוטער, פריינט,
און לאָז מיך בלייבן דאָ כאָטש ביי דער טיר.

(מישט זיך אוים מיט די דאָמיניקאַנער ביים אריינגאַנג אין קלויסטער. פון קלויסטער דערהערט מען כאָר־געזאַנג באַגלייט מיט אָרגל. מיטן ברייטן אַראָפּגאַנג לאָזן זיך די קאַרדינאַלן, וואָס פירן אונטער אַ חופּה דעם פּויפּסט, און גייען דורך מיט אַ צערעמאָניאַל אין קלויסטער אריין.)

פּויפּסט

(צוגויפגעלייגט די הענט צו דער תפילה — צו דעם קאַרדינאַל דזשוליאַ, וועל־כער האַלט לעבן אים איינעם פון די חופּה־שטעקנס.)

באַשליסן וואָס איז נאָך געבליבן אונדז?

קאַרדינאַל

ווי פריי צו ווערן פון דעם פּרינץ, ראובענין.

פּויפּסט

אַרויסצוקומען ריין פון אָט דעם פּלאָנטער —
דאָס פאָדערט דעם פּרעסטיזש פון וואַטיקאַן.

קאַרדינאַל

איז דאַן צו דעם געריכט אים שטעלן באַלד?

פּויפּסט

די עדות יעדנפאַלס נאָך הייבט אויספרעגן.
אין פיבער־שפּיל פון פעלקער ס׳גלוסט זיך איצט
אויך יידן זייער פוס אַריינצושטעלן.
מיין גאָט! דאָס וועט זיי קאָסטן בלוט!

(הייבט אָן די תפילה ביים אריינגאַנג אין קלויסטער. פון דאָרט קערט זיך אום צוריק אין געריכט־זאַל דער קאַרדינאַל דזשוליאַ און דערזעט זיין פּלימעניק דעם עלצטן דאָמיניקאַנער)

קאַרדינאַל

דעם פּרינץ דעם יידישן דו, אייזל־קאָפּ,
וואו האָסטו דען אין דיינע הענט באַנייס
אַריינגעקריגן ? נו, דערצייל, דערצייל.

עלצטער דאָמיניקאַנער

אין וועג פון רעגנסבורג, וואו ניט באַוויליקט
אים אויפצונעמען גאָר, האָט קעניג קאַרל
מיט כעס באַפוילן : „אים זעצט איין דעם שווינדלער !״
איז נון, האָט ער פון דאָרט דאַן דאָ־אַרום
קיין ליסאַבאָן געפּרואווט זיך צו אַנטלויפן . . .

קאַרדינאַל

אָהאָ ! פאַרשפּילט ביים פויפּסט, איז ער אַוועק
צו אונדזער שונא קאַרלען. און, פאַרשפּילט
ביי ביידן שוין, איז אים געבליבן נאָך
אַ פּרואוו צו טאָן אין ליסאַבאָן זיין מזל
ביים פּאָרטוגאַלער קעניג האַן דעם דריטן.
אַליין דער פויפּסט פאַרלאַנגט צו וויסן, צי אַלץ
איז גרייט שוין צום געריכט.

עלצטער דאָמיניקאַנער

אַלצדינג איז גרייט.

קאַרדינאַל

די עדות הייס אַריינברענגען אַהער.

(זעצט זיך צום געריכטס־טיש).

עלצטער דאָמיניקאַנער

אַהער צו מיר, דאָמיניקאַנער !

הינקענדיקער דאָמיניקאַנער

(צוגעאיילט)

איך ! . . .

עלצטער דאָמיניקאַנער

פאַרריגלען אָט די קלויסטער־טירן, בלייב
אין זאַל דאָ אויף דער וואַך!

(הינקענדיקער דאָמיניקאַנער פאַרריגלט די טירן און שטעלט זיך אויף דער וואַך. מען לאָזט אַריין די עדות: ר׳ עמנואלן, ר׳ יחיאלן, מאַנטינאַן, ר׳ שלמהן — פּירעסן און דינהן. עלצטער דאָמיניקאַנער — ביים ריכטער־טיש).

קאַרדינאַל

דער וואַטיקאַן־געריכט האָט אויפצוקלערן
ווער איז דאָס ראובני: איז ער ווירקלעך
אַן אַמבאַסאַדאָר פון אַ לאַנד־אַ יידיש,
צי מעגלעך גאָר דעם צוטרוי פונעם פויפּסט
ער האָט מיט פאַלשקייט בלויז און נאַרעריי
באַנוצט צו בייז? וואָס קען באַשיידט דערויף
אונדז זאָגן דאָ דער רבי שלמה מולכו?
אויף אונדזער פראַגע ענטפערט רבי שלמה:
צי האָט ראובני ווירקלעך דען אַ לאַנד?

(ר׳ שלמה טרעט אַרויס פאָראויס)

ר׳ שלמה

וואָס הייסט עס „ווירקלעך״? ווירקלעכקייט פון אייך
קען בלויז אַ הוילער דמיון זיין. פאַרקערט:
דער דמיון ביי ראובנין — אַ ווירקלעכקייט.

קאַרדינאַל

אַן קאַזאַיסטיק נאַר. ניט תלמוד לערנען
גערופן האָט מען אייך אַהער אַצינד.

עלצטער דאָמיניקאַנער

איך וועל די פראַגע שטעלן אים אַזוי,
ער זאָל זיך אויסדרייען ניט קענען מער.

(צו ר׳ שלמהן)

אונדז ענטפערט קלאָר: ווי גרויס איז דען זיין לאַנד?

ר׳ שלמה

עס האָבן זאַכן יעדערע איר גשמיות
און יעדערע — איר בחינה, נאָר ס׳איז ביי איינער
דאָס גשמיות גרויס, די בחינה אָבער קליין.
ביי אנדערע — פאַרקערט.

קאַרדינאַל

איז וואָרט נאָך וואָרט . . .
איז פאָרט, ווי גרויס איז דען ראובניס לאַנד ?

ר׳ שלמה

פיר איילן אויף פיר איילן קען אַ לאַנד
זיך דאַכטן און אין בחינה זאָל עס גרעסער
פון אַלע לענדער זיין, פון אַלע לענדער ! . . .

קאַרדינאַל

פאַר פרומע יידן — אונדז איז דאָס באַוואוסט,
האָט איר געזאָגט : ראובני איז משיח.

ר׳ שלמה

איך האָב געזאָגט און זאָג עס אויך אַצינד.

עלצטער דאָמיניקאַנער

מיט דעם פאַרשוועכט איר אונדזער גלויבן,
אַז דער משיח איז שוין לאַנג געקומען !

קאַרדינאַל

דער אינקוויזיציע אייך איבערגעבן
עס קומט דערפאַר !

ר׳ שלמה

נאָך היינט, נאָך היינט איר קענט
פאַרברענען מיך, נאָר מאָרגן אויפלעבן,
וועל איך צוריק !

ר׳ עמנואל

ניט לאַכט, מיט אים האָט אייגמאָל
אַזוינס געטראָפן שוין, — ער איז פון טויט
געוואָרן לעבעדיק צוריק. אַ מאַן
איז ער אַ הייליקער!

ר׳ יחיאל

אַ הייליקער!
מיר זיינען עדות ביידע: דאָס האָט ער
פאָראויסגעזאָגט, אַז אַ קאָמעטע וועט
אין הימל זיך באַווייזן, און די ערד
וועט ציטערן אינגיכן, ברייט און שטאַרק
פאַנאַנדערגיסן וועט זיך דער טייך טיבער —
אַזוי, אַזוי איז נאָכדעם אַלץ געשען.

ר׳ עמנואל

יאָ־יאָ, ער איז אַ מאַן אַ הייליקער.
פון הימל מ׳האָט דאָס אים פאָראויס אַנטפּלעקט.

ר׳ שלמה

אין טונקלעניש פון שווערן טיפן קלערן,
צווישן זעאונגען, וואָס איינגעהילט
אין אָנהייב נאָכט זיי בליצן אויף, ווי שטערן,
אַ גרויסע שרעק איז איינמאָל מיך באַפאַלן.
אין פחד און אומהיימלעכקייט געציטערט
עס האָבן מיינע גלידער. פאַר מיין בליק
געשוועבט האָט אַ געשטאַלט, און אויפגעפּיבערט
עס האָט מיין לייב ווי נאָדלען גרויליקע
עס האָבן מיך די האָר די אייגענע
געשטאָכן, דאַן האָב איך קוים־קוים אַ קול
אַ שטילס און דינס דערהערט: „שטיי אויף,
שטיי אויף,
מיין מולכו, גיי אַוועק קיין רוים, דער שטאָט
פון אומרעכט אייביקער און פאַר באַרויבטע

אַ טרייסט געפֿין אין דעם, וואָס דו וועסט זען
אין איר". „אָ, האַר!" — האָב איך געבעטן זיך —
„צו וואָס דען שיקסטו מיך אַהין באַטרעטן
איך זאָל די ערד, וואָס אָנגעזאַפּט זי איז
פֿון שטענדיק, פֿון קדמונים אָן ביז היינט
מיט בלוט פֿון די באַרויבטע אָ! . . . צו וואָס?
צי קען דען אַ געשעכטענער געפֿינען
פֿאַר זיך אַ טרייסט אין אָנטאַפּן די פּגמים
אין שאַרף פֿון שווערד, וואָס האָט געשאָכטן אים?
און ס'איז געווען ווען בעטן־זיך מיר האָט
שוין ניט געהאָלפֿן מער, בין איך דריי טעג
און אויך אַזוי פֿיל נעכט דאָן ביי די טויערן
פֿון רוים געזעסן און קיין ברויט געגעסן
קיין וואַסער ניט פֿאַרזוכט, דעם קאָפּ געבויגן
כ'האָב טיף, די קליידער כ'האָב אויף זיך צעריסן.
און ס'איז געווען נאָך שקיעה שוין. די נאַכט
די דריטע ז'צוגעפֿאַלן, האָט דער הימל
מיט בליץ און דונער זיך געשפּאַלטן, טיף
אין פֿייער אייביקן און גרויזאַמען
צוויי רוימען האָט מען מיר באַוויזן: רוים
דעם ערשטן נאָך, וואָס פֿעלקער פֿיל ער האָט
מיט גוואַלדיקן פֿוס אויף שטויב צעטראָטן
און רוים דעם צווייטן, וואָס אין אים דער קוואַל
פֿון שלעכטס פֿאַר גאָר דער וועלט געעפֿנט ווערט —
די אינקוויזיציע קומט פֿון אים! „און רוים
דער דריטער — ער וואו איז?" — האָב איך געפֿרעגט.
„קיין רוים קיין דריטער וועט ניט זיין!" — אַזוי
געענטפֿערט האָט מען מיר — „פֿאַרשוואונדן וועט ער
ניט בלייבן מער, ווי ס'איז אַמאָל פֿאַרשוואונדן
די רויב־שטאָט נינוה, און ווי ס'איז פֿאַרשוואונדן
די אַלטע רויב־שטאָט פֿון מצרים.

קאַרדינאַל

שווייגן!

עלצטער דאָמיניקאַנער

דער אינקוויזיציע דער הייליקער
אים איבערגעבן — גאָר פון ליסאַבאָן
איז ער — אַ פרומער קריסט, און ניט ר׳ שלמה —
פירעס איז גאָר זיין נאָמען דאָרט געווען.
(ווייזט אויף דינהן)
און זי זאָל דעם געריכט דערציילן, ווען
און וויאַרום דער פרומער קריסט פירעס
איז דאָ אַ פרומער ייד געוואָרן. אַ דינסט
איז זי — אַ דינסט.

דינה

אַ דינסט! און פון באַרוף
בין איך אַ טענצערן און טרעפערן,
באַדינענדיק כ׳ברענג מיין לעבנס־טאַנץ
פון זיך אַרויס. ביים פרינץ — ער איז מיין האַר,
האָב איך געדינט, ווי ביי אַ פרינץ אַן עכטן,
און נאָר פאַר אים, דעם הייליקן ר׳ שלמה —
ער איז מיין הימל־חתן — כ׳האָב געטאַנצט
דעם „שייטער־הויפן״.

קאַרדינאַל

קלאָר: וואָס הייסט עס דען? „שייטער־הויפן״?

דינה

אַ טאַנץ אַ הייליקער
(טאַנצט)
אַ שייטער הויפן —
רונד־אַרום.
איך וויל אַנטלויפן —
ער איז אומעטום
באַם ראַנד פון פייער
ס׳יונג לייב
עס ווערט מיר טייער.

און מיר דאָס ווייב
אין היץ צעגליט זיך,
צום חתנס הענט
עס גאַרט און ציט זיך —
צו אים נאָר איינעם . . .

ר' שלמה

(אויסציענדיק די הענט צו דינהן)
באַי כלה . . . באַי כלה
איז קום מיין כלה, קום מיין כלה.

דינה

(צוגעלאָפן צו אים).
מיט אים אינאיינעם
נעמט פאַרברענט מיך.

קאַרדינאַל

נאָר אייך, סיניאָר מאָנטינאָ, אייך, סיניאָר
פאַרלאַנגען מיר צולעצט שוין דאָ אויסהערן.

מאָנטינאָ

אַרויסזאָגן איך וועל מיין מיינונג דאָ,
ווי אַן עקספּערט. אין שטאַרבן פון אַ פאָלק
איז איך, דער מעדיצינער, ענלעכעס
געפינען צום שטאַרבן פון איין מענטשן בלויז.
ניט אַלץ צוגלייך באַזיגט טיילמאָל דער טויט.
מיט אים זיך ראַנגלען נאָך די ברעקלעך קרעפטן
ווי אויך דער קרענקלעכער באַוואוסטזיין. כ'מיין:
דאָס טוט דער ייד ראובני איצט, דאָס טוט
דער קאַבאַליסט ר' שלמה. נאָר ס'איז קלאָר:
דער טויט — ער בלייבט דער זיגער.

ר' שלמה

(צו מאָנטינאָ)
און ווער זייט איר?

(ווייזט אויף מאָנטינאָן, ר' עמנואלן און ר' יחיאלן)
דער גילגול פון אַ פרירער לעבן! זעט:

צו רוען שטערט ער, ווי די לעבעדיקע
אַזוי די טויטע, ווייל אַליין דער גילגול
ניט טויט ער איז נאָך, נאָר ניט לעבעדיק
שוין מער.

קאַרדינאַל

זיי אַלע פירט אַרויס פון דאַנען.

(פאַרלאָזט דעם זאַל אינאיינעם מיטן עלצטן דאָמיניקאַנער. אויף דער וואַך בלייבט דער הינקענדיקער דאָמיניקאַנער. וואַטיקאַן־דינער פירן אַרויס די עדות. דערנאָך פירן זיי אַריין אַהער ראובנין, אויף וועמענס הענט עס זיינען אָנגעטאָן קייטן. זיי גיבן אים איבער דעם הינקענדיקן דאָמיניקאַנער און גייען אַוועק. דער הינקענדיקער דאָמיניקאַנער וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם מאַנטל מיטן קאַפּושאָן)

ראובני

שבתי ? ! . . .

שבתי

דיין קנעכט, מיין פּרינץ.

ראובני

דיין פּרינץ אויך איצט ?

שבתי

אין דיינע ליידן גראָד אַצינד, איך ווייס,
דו פילסט זיך, ווי אַ פּרינץ אַן אמתער.

ראובני

אַזוי פלעגסטו אין צירק ביים נאָכמאַכן
אַ יידן, דווקא אונטער ווילדן שפּאָט
געלעכטער גלייך דערפילן, אַז דו ביסט
אַ ייד אַן עכטער . . . זאָג : וואָס וועלן זיי
דאָ טאָן מיט מיר ?
(קוקט אַרום דעם זאַל)

שבתי

דיך מישפטן פאַר שווינדל.

ראובני

ניט מיך, ניט מיך ! — אין מיין פערזאָן מיין פאָלק,
דאָס גאַנצע צו דעם מישפט וועט מען שטעלן.
אַ פאָלק, וואָס לאַנד ביי לאַנד געוויינטשאַפט נעמט
אַריבער אויף צו רופן עס צו זיך,
אויף נוץ דערפון צו האָבן נאָר דערנאָך —
מיט גאַל און תמימות כלומרשט זיך דערפרעגן :
ווי קומט גאָר אָט דאָס פאָלק אַהער צו אונדז
אין לאַנד ? — אָפּנעמען זאָל ביי מיר איצט מויל
און לשון, אויב אויף אַ געריכט אַזאַ
איך וועל מיט טענות מינדסטע אָפּילו קומען,
אויסריינען זאָל מיין האַרץ ביי דעם פאַרלאַנג
דעם מינדסטן אָנצוצינדן ביי די לייט דאָ
אַ פונק פון יושר.

שבתי

גיי אַוועק פון דאַנען . . .
נו גיי אַוועק. איך וועל פאַרבייטן דיך.
(וואַרפט אַרויף אויף ראובנין דעם דאָמיניקאַנער־מאַנטל)

ראובני

(שטייט פאַרקלערט, דערוואַכט, ווען שבתי פאַלט צו צו זיין ברוסט)
שבתי ! דיין פריינטשאַפט — זי איז רירנדיק
און גרויס. צונויפגעפירט עס האָט אונדז ביידן
דאָס לעכצן פון אַ פאָלק, וואָס שוין . . . זיין גוף
און זיין נשמה נאָר באַנאַנד זיי הויזן —
באַנאַנד, ווי האַלב־געגעטע מאַן־און־ווייב.
אַ חופה איבער זיי באַנייס צו שטעלן
האָב איך געגאַרט און ווי אַ פּרינץ בין איך
געקומען מיט מתנות זיי באַשענקען

אין גייסט פון אַט דער צייט פון אויפלעבונג —
קאָלומבוס צייט . . . איז וואָס איז דען געשען ?
איך שטוין און פרעג ביי אַט דער צייט דער גרויסער :
צי דען אויך דו וועסט אַלעמען באַשענקען
און נאָר מיין יידיש פאָלק אַליין פאַרטיילן ? . . .
צי אפשר וועלן מ י ר בלויז שולדיק בלייבן,
ווייל ניט באַוויזן נעמען ביי דער צייט,
מיר האָבן דאָס, וואָס זי האָט געבן אונדז
געקענט ? . . . נאָך ניט געענדיקט איז מיין שפיל.
(וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם דאָמיניקאַנער־מאַנטל)

שבתי

דיין פיין דערלויב, מיין האַר, אויף מיר צו נעמען,
איך וועל פאַרבייטן דיך.

ראובני

איך בין נאָך אַלץ
אַ פרינץ, שבתי, און קיין נדבות כ׳נעם
ביי קיינעם ניט — דאָס טוט אַ קבצן. הער :
איך זאָג, אַז ניט געענדיקט איז די שפיל.
אין ליסאַבאָן דריי הונדערט טויזנט יידן —
אויף מיר נאָך אַלץ זיי האָפן דאָרט און וואַרטן.
צום קאַמף, שבתי, איך האָב אַ טייל פון זיי
שוין צוגעגרייט. מיט שטאַרקע מוסקול־הענט
אין שלאַכט זיי וועלן אויף מיין רוף זיך וואַרפן
פאַר זייער שטאָלץ. צו זיי איך שיק דיך איצט :
שבתי, אין האַפן פון ווענעציע
איך האָב פיל אויסגעבויטע שיפן. אין מיין
רשות זיי זיינען דאָרט נאָך אַלץ דערווייל.
איך האָב פיל שפייכלער מיט געווער. איז נעם,
שבתי, מיט זיך די שיפן באַלד און אייל
קיין ליסאַבאָן — פון שפאַניע די פליטים,
וואָס גיכער אויף די שיפן זעץ אַרויף,

באַוואָפן זיי וואָס מער, און גיכער, טיף
אין ים שווים אָפּ מיט זיי, ווי מיט אַ קראַפּט,
וואָס קען באַשיצן זיך, נו, אייל!

שבתי

און דו?

ראובני

פאַר מיר ניט זאָרג זיך. קעמפן כ׳האָב מיין פאָלק
געלערנט — דאָס איז פיל, שבתי, ס׳איז פיל!

שבתי

איז דאָך, פאַרוואָס זאָלסטו ניט לאָזן מיך
פאַרבייטן דיך? פאַרוואָס זאָלסטו אַליין
צו זיי קיין ליסאַבאָן ניט איילן איצט?

ראובני

פאַרשטיי: ביי מיין פאַרשווינדן וועלן זיי
זיך כאַפּן דאָ און גלייך די שיפן מיינע
אין האָפן דאָרט פאַרהאַלטן . . .

(דערזעט דאָס דאָמיניקאַנער־שווערדל אויף שבתים גאַרטל)

דאָס . . . אָט דאָס . . .
דו לאָז מיר איבער.

(ווילן אָנעמען דאָס שווערדל)

שבתי

(פאַרהאַלטנדיק דאָס שווערדל)

כ׳קען דאָס ניט דערלאָזן.

ראובני

כל־זמן איך בין אַ פּרינץ, ביסטו, שבתי
מיין קנעכט. דיין פּרינצס באַפעל פיל אויס!

(רייסט אַרויס דאָס קורצע שווערדל פון שיידל)

און איצט אין ליסאַבאָנער האָפן אייל,
נו גיי! דו פאָלגסט דעם פּרינץ ביז לעצט?

שבתי

(טראכט)

איך פאָלג . . .

(שבתי — אפּ)

ראובני

(געבליבן אליין, פּרואווט די שאַרף פון שווערד)

יאָרהונדערטער געדרימלט ס'האָט אין האַרץ
פון ייד דער דראַנג צו קאַמף אָט דעם, וואָס איך
צום אויפלעבן באַנייס געבראַכט כ'האָב איצט.
געענדיקט שוין איז מיין שליחות היינט,
און איך גיי אָפּ . . . צו דיר מיין וועגווייזער
און לערער דוד אל־ראָי, מיט פיר
יאָרהונדערטער צוריק דו האָסט די שווערד
דעם פאָלק אין האַנט געגעבן. נאָך בר־כוכבא
דעם פאָלק האָסטו געדינט און איך נאָך דיר
דער צווייטער בין. און דו, נאָך מיר דער דריטער
נו ווער ? . . . איך זע דיין פּנים ניט אַרויס,
איך פיל דיין אָטעם בלויז. אַלצאיינס, צו דיר
געהערט מיין ברכה שוין די לעצטע.

(פאַרקוועטשט אין האַנט דאָס שווערדל אויף איינצושטעכן עס זיך אין
האַרצן, נאָר קען ניט אויפהייבן געגנוג הויך די האַנט איבער די קייטן).

נו יאָ ! . . . די קייטן אָט . . . אין אַלץ, אין אַלץ
זיי שטערן מיר, ווי דיר מיין פאָלק דעם גאַנצן,
ניט אויסשטעכן דו קענסט אויף איינמאָל זיך
דאָס האַרץ, נאָר גריבלען, גריבלען זיך אין דעם
און לאַנג אַזוי, כדי אויך אים, דעם טויט
פאַרשעלטן שוין אינאיינעם מיטן לעבן.

(צעשניידט געשווינד די קליידער לעבן האַרצן נאָר דערהערט אַ שאָרך,
באַהאַלט דאָס שווערדל אין בוזעם, קוקט זיך אום און דערזעט בענוועניִדאַן,
וואָס איז שטיל אַריינגעלאָזט געוואָרן דורך אַ געהיים טירל)

צו מיר געקומען ביסטו, בענוועניִדאַ ?

בענוועניִדאַ

צו דיר, מיין פּרינץ, — דער גלוסטונג פון מיין האַרץ.

ראובני

אין טאָג פון צרה ניט פאַרגעסן דען
דו האָסט מיך ? . . . זיך ניט אָפּגעקערט פון מיר ?

בענוועניד

וואָהין ? אַז וואו איך קער, נאָך דיך איך זע
און וואו איך ווענד זיך, דיך איך פיל. דיין בלוט
אין לייב אין מיינעם פליסט, און איינס בין איך
מיט דיר.

ראובני

מיט מיר ? . . . נאָך ניט געהערט דו האָסט ? . . .

בענוועניד

איך ווייס : דער פויפּסט ביים טערק אין הינטערלאַנד
אין קיין מלוכה נויטיקט זיך ניט מער.
כדי צו פּטור ווערן מיטאַמאָל
פון דער פאַרהאַנדלונג מיט דיין יידיש לאַנד,
אין האַנט דער אינקוויזיציע ער גיט
דיך איבער. ס׳וועט אים ניט געלונגען . . . איך —
אַ טאָכטער פון ישראל בין דיין פעסטונג.

ראובני

דאָס הייסט : דעם עיקר ווייסטו אַלץ נאָך ניט . . .

בענוועניד

עס אַרט מיך ניט. דערקלערט איך האָב פאַר אַלע :
דיין עכטער פּרינץ־גערוך — ער הערט זיך אויף
צו שיכור מאַכן מיך, און איך — איך גלויב
אַט דער גערוך . . .
שמן תרק שמך
על כן עלמות אהבוך . . .

ראובני

דו ביסט פון גאָט, פון גאָט געשיקט צו מיר,
מיין בענוועניד !

בענוועגידא

יאָ, פון גאָט אַליין !

מיך אויסדערוויילט ער האָט פון אַלע פרויען
פאַר אַ פרינצעסן דיר — דער אָפּשטאַמונג
פון מלך דוד.

ראובני

איך — פון מלך דוד

די אָפּשטאַמונג ?

בענוועגידא

נו, גיכער קום מיט מיר

אַוועק פון דאַנען, גיכער קום ! . . .

ראובני

ניין, וואַרט . . .

בענוועגידא

געשווינדער ! . . . אָפּגעקויפט האָב איך די וואַך
די גאַנצע, דורכלאָזן וועט זי אונדז !

ראובני

דאָך, וואַרט . . . איך האָב צו זאָגן וויכטיקס דיר.

בענוועגידא

ניט איצט, נאָר שפּעטער — ס׳וואַרט אויף אונדז אַ שיף
אַ גרייטע שוין — זי וואַרט ביים ברעג פון ים,
שוין אָנגעצויגן אַלע אירע זעגלען ;
דער שטאַרקער ווינט איצט גראָד אַהין נאָך בלאָזט
און וועט אונדז ברענגען גיך אַהין.

ראובני

וואוהין ?

בענוועגידא

צו דיר אין לאַנד, אין לאַנד דעם יידישן.
נו קום, מיין פרינץ, נו, קום ! . . . איך האָב דעם קדוש

ר׳ אמנונען מיט אַלע זיינע חסידים
אַרויפגענומען אויף דער שיף. עס בעט
דער קדוש זיך צו דיר אין לאַנד.

ראובני

צו מיר

אין לאַנד ? . . . הער אויס מיך, בענוועניִדא,
אַליין איך זאָג עס דיר, באַנעם : קיין פּרינץ
בין איך — קיין פּרינץ . . . און ניט קיין זון פון מלך . . .

בענוועניִדא

איך ווייס, איך ווייס : אויף אַלטן מזרח־שטייגער
אויספּרואוון ווילסטו מיך אין דער־אָ רגע
דער סאַמע לעצטער . . . קום שוין, קום, מיין פּרינץ !

ראובני

ביים טרויער פון מיין פאָלק איך שווער אַצינד דיר,
איך האָב קיין לאַנד און האָב . . . קיין היים ! . . .

בענוועניִדא

דו האָסט

קיין לאַנד און האָסט קיין היים ? . . . דו שווערסט אַ שבועה ?...

ראובני

אַ שבועה און אַן אמתע.

בענוועניִדא

און דאָס . . .
אַלץ־אַלץ האָסטו פון אָרעמקייט געטאָן ?

ראובני

פון וואָס ? . . . פון אָרעמקייט ? . . . אָ, ניין ! כ׳בין רייך,
און זייער, רייך !

בענוועניִדא

אין וואָס באַשטייט דיין רייכקייט ?

ראובני

איך האָב אַ פאָלק, אַן אייגן פאָלק, דו קענסט עס.
דעם „זיין" צעווישן פעלקער פאַר קיין פרייז
עס גיט ניט אויף, עס גייט אויף אַלע ליידן.
נאָר וואָס איז ווערט דער „זיין'' אָט דער, אויך ער
פון ליידן בלויז באַשטייט ? דאָס פאָלק אין ברען
פון פרייד אין סאַמע שענסטן יום־טוב זיינעם
אַ מויל אַ פולס מיט ביטער־קרייטעכצער,
מיט מרור שטאָפּט זיך אָן, נאָר הערלעך האַלטן
דעם יום־טוב הערט ניט אויף נאָך ביז אַצינד.
נאָר וואָס איז ווערט דער „זיין" אָט דרע, אויך ער
פאַר דעם, וואָס ער אַליין אין אים די גיפט
ער טריפט אַריין ? דאָס פאָלק שוין לאַנג דור־איין,
דור־אויס אויף פירן צו דער שחיטה קינדער
עס געבירט און הערט זיי דאָך ניט אויף געבירן,
זיך ווינטשנדיק דערביי : „דערלעבן נאָר
צו חופה פירן זיי" . . . צו וואָס ? דיין מאַן
איז פרום און זאָגט דאָ : „ווייל עס גלויבט אין יושר".
איך פרעג : און ווערעם, וואָס בעת מען טרעט זיי
געבירן הערן דאָך ניט אויף — אויך זיי
אויף יושר וואַרטן ? . . . פון זיך קיינמאָל קומט
דער יושר, ניין ! — מען ברענגט אים מיט אַ שווערד
אַראָפּ.

בענווענידא

דיין פאָלק דו לעסטערסט איצט, דו שעלטסט ?

ראובני

איך שעלט עס ניט און בענטש עס ניט — דאָס טוט
דער אָפּגעפרעמדטער ייד מאָנטינאָ. טיף
ביי זיך אין האַרץ דאָס פאָלק איז ער מבזה.
צו יידן זאָגט ער : „הערט, איר זייט אַ פגר !"
און מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט ער ווענדט זיך

צו פעלקער פון דער וועלט: „פון ביבל־קוואל
איך שטראָם אַרויס, איז מיר אַליין, מאָנטינאָן,
נדבות, כ׳בעט, דערלאַנגט דערפאַר. ער איז...
ער איז ביי אונדז דער גרעסטער גרעסטער שנאָרער!...
דאָס פאָלק איך בענטש ניט און איך שעלט עס ניט.
איך לייד מיט דעם אינאיינעם. כ׳זאָג צו דעם:
דו קענסט ניט שטאַרבן גאָר? איז דאָן צוים אָפּ
דאָס נויטיק ביסל יושר, וואָס אָן דעם
דו קענסט ניט לעבן שוין, און מיט דיין קראַפט
באַשיץ עס, מיט דיין בלוט. אויף מיינע הענט
זיי האָבן קייטן אָנגעטאָן נאָר — שפּעט.
איך האָב געזיגט: איך האָב שבתין שוין
אַוועקגעשיקט אין ליסאַבאָנער האַפן.
שבתין כ׳האָב געשיקט צו זיי, די פּליטים,
באַוואָפּענען וועט ער די שפּאַניער פּליטים,
אויף מיינע שיפן זיי אויפזעצן דאָרט,
און אָפּשווימען פון פּאָרטוגאַלער ברעגעס,
און ווי אַ פאָלק אַ גאַנצס פאַר זייער „זיין"
און צעווישן פעלקער וועלן זיי שוין קעמפן.
אויף מיר בלויז איינעם — קייטן אָנגעטאָן,
און איך — פון קייטן כ׳האָב באַפרייט די פּליטים
פון צווייטן שפּאַניער גירוש.

בענוועניד א

כ׳שווער ביי גאָט:

דו ביסט אַ פּרינץ אַן עכטער!

(קושט די קייטן אויף זיינע הענט)

אַ דאָמיניקאַנער

(קומט אריין דורכן געהיימען טירל)

ס׳איז צייט, סיניאָרע. באַלד איר מוזט אַוועק
פון דאַנען, באַלד!...

בענעוועגידא
איין ווײַלע בלויז, איין ווײַלע.

דאָמיניקאַנער
(ווענדט זיך צו בענוועגידא גיט א זעקעלע מיט געלט)
נאָר באַלד, סיניאָרע, באַלד!
(גייט אַרויס)

ראובני
געזעגן זיך.

בענוועגידא
פאַרוואָס?... פאַרוואָס גאָר זאָלסטו אַזוי ריידן?
(זי פאַלט צו צו זיין ברוסט)

ראובני
עס איז אַזאַ מיין גורל. כ׳מוז דאָ בלייבן.

בענוועגידא
דער אינקוויזיציע זיי וועלן דיך
נאָך היינט אָפּגעבן לעבעדיקערהייט.
זיי וועלן דיך פאַרברענען — דיך, דעם פרינץ...

ראובני
דאָס וועט זיי ניט געלונגען! פון אַ פרינץ
דעם אָנדענק וועל איך לאָזן — ווי אַ פרינץ
צו לעבן ניט באַוויזן? איז...
(שלעפט געשווינד אַרויס דאָס שווערדל)
כאָטש שטאַרבן...
כאָטש שטאַרבן, ווי אַ פרינץ. ניט טרויער נאָה,
מיין בענוועגידא, קיין איין טרער פאַרגיס
ביז לעצט... אָט זע: עס שטערן מיר די קייטן,
איז דו באַוויז דיין קראַפט אָט... נאָ!
(גיט איר איבער דאָס שווערדל)

דיין ליבע טויט אַליין אַוועק, און זאָל
זי ניט פאַרשוועכן קיינער
(אַנטפּלעקט זיין ברוסט)
קענסט ניט ? ? ?
(נעמט אָפּ ביי איר דאָס שווערדל)
ווע־ל איך
אַליין שוין ווי־ניט־ווי . . .

בענוועניִדא
פאַרוואָס ? פאַרוואָס ?
מיין שיף איז צוגעגרייט און וואַרט אויף דיר
זי וועט דיך ברענגען אין אַ ווייטן לאַנד.

ראובני
דאָס קען ניט זיין, מיין בענוועניִדא, ניין.

בענוועניִדא
דאָס קען ניט זיין ? . . . נו זאָג, פאַרוואָס ? . . . פאַרוואָס ?

ראובני
ווי נאָר איך וועל פאַרשווינדן, וועלן זיי
זיך כאַפּן באַלד און גלייך די שיפן מיינע
פאַרהאַלטן אין ווענעציאַנער האַפן.

בענוועניִדא
די שיפן ? . . . כ׳האָב דיר זאָגן ניט געוואָלט :
ניטאָ די שיפן מער.

ראובני
וואָס הייסט, נישטאָ ? . . .
כ׳פאַרשטיי : דו ווילסט מיך, ווי אַ קינד פאַרנאַרן.

בענווענידא

ביי גאָט און ביי מיין ליבן דיר, מיין פרינץ,
איך שווער: דער האַפן אין ווענעציע
שוין אָפּגעשלאָסן איז און לויט דער ביטע
דאַ־פּיזאס האָט מען דאָרט די שיפן שוין
פאַרכאַפּט, ווי דאָס פאַרמעגן פון זיין באַנק.
איך שווער!

ראובני

דו שווערסט ? . . . ניטאָ קיין שיפן מער ? . . . נישטאָ ? . . .
און יידן . . . ברידער דאָרט אין ליסאַבאָן
אין האַפן — שפּאַניער פּליטים. וואָס וועט זיין
מיט זיי אַצינד ? נקמה עס וועלן נעמען
אין זיי די פּאָרטוגאַלער אויך דערפאַר,
וואָס בלויז מיט זאָגן . . . „ס'איז פאַראַן אַ לאַנד
ביי יידן", כ'האָב פאַרגרינגערט זייער פּיין.
איז וואָס וועט זיין מיט זיי אַצינד ?

בענווענידא

מיין מאַן

האָט זיך דערוואוסט : מען האָט אַ תנאי געשטעלט
די יידן דאָרט אין ליסאַבאָנער האַפן :
זיך שמדן, אָדער — אַלע זיי צום שייטער . . .

ראובני

אַ תנאי אַזאַ, זאָגסטו ? . . . אַ תנאי ?

(פאַרטראַכט זיך, וואַכט אויף)

דיין שיף,

דיין שיף — זי זאָל מיך ברענגען גיך אַהין
צו זיי אין ליסאַבאָנער האַפן — קום !

פ אַ ר ה אַ נ ג

פערטער אַקט

א ווינקל אין אויפגעבונטעוועטן פּליטים־לאַגער פון ליסאַבאָנער האַפן. ביים ברעג שטייט א שלאַכט־שיף. גרייט צו שיסן ווארט די מאַנשאַפט ביי צוויי האַרמאַטן אויפן שיף־דעק. דורך א שפּאַקטיוו קוקט פון דאָרט דער אינ־וואַליד צו די פּאָרטוגאַלער שיפן, וואָס געפינען זיך טיפער אין ים· פון לינקס — מצד דער יבשה — הערט מען א שלאַכט־טומל. מען ברענגט פון דאָרט פאַרוואונדעטע און מען טראָגט זיי אַריין אין טריום פון שיף. אין פאַרביקע פּרינץ־קליידער באַווייזט זיך ראובני אינאיינעם מיט שבתין. מיט אן אויפ־געהויבענער האַנט באַגלייט ער א נייע באַוואָפנטע גרופּע, וואָס לויפט אוועק מיט מלחמה־אויסגעשרייען לינקס צום אָרט, וואו די שלאַכט גייט.

ראובני

אַרויפציען די פאָן!

(מען ציט אַרויף אויפן מאַסטבוים די פאַן מיט די איינגעהעפטע ווער־טער „דגל מחנה יהודה". ראובני הייבט זיך אויף אויפן העכסטן קאַפּיטאַן־בריקל. פון אונטער א הויפן שטריק רוקן אַרוים די קעפּ ר' עמנואל און ר' יהיאל)

ר' עמנואל

עס איז די פאָן,
וואָס אים געשענקט האָט זי . . .

ר' יהיאל

זיין בענווענידא ?

(פון אונטער דעם הויפן שטריק רוקן אַרוים די קעפּ אייניקע פון יענע, וואָס באַגלייטן אויף דער שיף ר' אמנונען — דעם קדוש)

ר' עמנואל

געהערט האָב איך באַרוואָס די ים־לייט ריידן:
מען האָט ביינאַכט געקענט גאַנץ שטיל אַנטלויפן
אויף אָט דער שיף.

ר' יהיאל

און לכתחילה גאָר
אַהער אין אומגליקלעכן פּליטים־לאַגער
שוין ניט אַריישמעקן אַפילו.

איינער

(פון די צוהערער)

אמת!

דערויף דאַך מיט דעם קדוש האָבן מיר

אויף אַט דער שיף זיך אויפגעזעצט.

ר' יחיאל

נו יאָ,

מיר אויך . . . געמיינט, אַז קומען וועלן מיר

צו יידן ערגעץ אין אַ לאַנד אַ פרייען . . .

ר' עמנואל

(ווייזט אויף ראובנין)

האָט ער די ים־לייט שטרענג פאַרזאָגט: אַהער

אין ליסאַבאָנער האַפן מיט דער שיף

אָנקומען . . .

ר' יחיאל

נו ווער? נו ווער? ראובני?

צו וואָס?

איינער

(פון די ארומיקע)

איך ווייס: כדי דעם אויפשטאַנד אויפצוהויבן

און רופן אַלע שפּאַניער פּליטים דאָ

צו קידוש־השם. ניט אונטערגעבן זיך.

ר' עמנואל

אַזוי? — צו קידוש־השם . . . אַ פרעמדנס פרוי

אַן אישת־איש פירט ער דערצו אַרום

מיט זיך . . . צו וואָס ?. . . צו וואָס? . . . צו קידוש־השם?

(צום קופערשמיד און דינהן, וואָס טראַגן פאַרביי אַ ניי־געבראַכטן פאַרוואונדעטן)

איר, מקורבים זיינע, זאָגט אונדז, וואו

באַהאַלט ער אויף דער שיף זיין בענוועניד?

קופּערשמיד

אַרונטער אַלע אין דער טיף פון שיף !
מ׳האָט אייך באַפוילן ניט באַווייזן זיך
פון אויבן אויפן דעק !

(אַלע ווערן פאַרשוואונדן)

ראובני

(איפן קאַפּיטאַן־בריקל)

דו לעצטע מחנה גרייט, שבתי, צו שלאַכט.
מיט איר צום טויט עס וועלן איצט שוין גיין
אויך איך און דו. די קליידער העלף, שבתי,
פאַרבייטן מיר — איך ווער אויס פּרינץ. אַ קלייד
זוך אויס פאַר מיר — אַ קלייד מיט וואָס־מער לאַטעס.
אין שמאַטעס וויל איך שטאַרבן, ווי עס שטאַרבט
אַ ייד.

שבתי

(דערלאַנגט אים אַ קלייד פון שמאַטעס)

דערלויב צו זאָגן דיר: אין שלאַכט
אַוועק עס זיינען אַלע שוין — די לעצטע
געזונטע מענער.

ראובני

און נישטאָ מער קיינער ?

שבתי

דיין לץ איז גרייט מיט דיר דעם יידן־טאַנץ
ביז סוף אויסטאַנצן איצט, מיין האַר און פּרינץ !

ראובני

און זיי דאָ אַלע אויף דער שיף ?

שבתי

בלויז פרומע
אַרום דעם קדוש. זייער הויפּט־באַרוף
איז הייליקן גאָטס נאָמען, אויסקוילען

זיך לאָזן, שולדיק מאַכן דיך און מיך
אין זייער טויט. זיי זאָגן: בענווענידאָן
באַהאַלטסטו אויף דער שיף דאָ . . . אָט זיי קומען! . . .

פון טריום — א געזאַנג פון מענער, קינדער, פרויען און אַלטע לייט· זיי טראָגן אַרויף ר״ אמנונען אויף זיין מיטה און זינגען דערביי פון זיין „ונתנה תקף“:

ותפתח את ספר־הזכרונות
ומאליו יקרא. וחותם יד כל אָדם בו . . .
ומלאכים יחפזון
וחיל ורעדה יאחזון
ויאמרו: הנה יום־הדין
לפקוד את צבא מרום בדין.
וכל באי עולם יעברון לפניך כבני מרום.
כבקרת רועה עדרו
מעביר צאנו תחת שבטו,
כן תעביר ותספור ותמנה נפש כל חי
ותחתוך קצבה לכל בריותיך
ותכתוב את גזר דינם.

אינוואַליד

(קוקנדיק אין שפּאַקטיוו)

צו אָנפאַלן אויף אונדז עס גרייטן זיך
פון רעכטס די פּאָרטוגאַלער אויף די שיפן!

ראובני

איז גיט זיי פייער אַהין רעכטס!

אינוואַליד

(באַפעלט דער הארמאַטן־מאַנשאַפט)

איז פייער!
איז פייער! איינס און צוויי און דריי!

(די הארמאַטן שיסן. די פּאָרטוגאַלער שיפן ענטפערן מיט געשאָס. א בהולה צווישן עולם, וואָס פאַלט צו צום שיף־דעק. קרעכצן פון פאַרוואונדעטע דערנאָך — א טויט־שטילקייט).

ר׳ אמנון

ספינה זו מי קברניטה ?

ר׳ יחיאל

דער קדוש פרעגט, ווער איז פון אַט דער שיף
דער פירער . . .

ר׳ עמנואל

זאָל ער זיך פאַר אונדז באַווייזן
און זאָל ער זאָגן קלאָר, וואוהין און ווען
עס גייט די שיף.

אַלע

(ארום ר״ אמנונען)
דאָס דאַרפן מיר דאָך וויסן !

ראובני

(טרעט אראָפּ פונעם קאַפּיטאַן־בריקל)
דעם קדוש זאָגט : דערווייל איז נאָך נישטאָ
פאַר אָט דער שיף קיין האַפן, — אַלץ נישטאָ . . .

ר׳ אמנון

עניה מערה לא נחמה ?

ר׳ יחיאל

דער קדוש פרעגט : די אָרעמע אין שטורעם
גאָר אָן אַ טרייסט ?

ראובני

אַ טרייסט ? . . . פאַראַן אַ טרייסט :
והיה באחרית הימים.

שבתי

ס׳וועט זיין אין סוף פון טעג.

ראובני

ולא ישא גוי על גוי חרב.

שבתי

און פאָלק אויף פאָלק װעט מער קיין שווערד ניט הייבן.

ראובני

עס האָבן אבות אונדזערע אַמאָל
דער וועלט אַרויסגעגעבן דאָס־אָ וועקסל . . .
צו זייער חתימה עס האָבן פאַרן טויט
ביי אַלע פעלקער הייליקע מאַרטירער
זיך צוגערירט מיט די פאַרשמאַכטע ליפּן.
און איר ? — איר חתמעט איצט באַנייס דאָס וועקסל ?
צי אפשר גרייט זייט איר דאָ פאַרן טויט
צו אייערע אבות שרייען: ניין! אין פנים
מיר וואַרפן אייך דעם משכן איצט צוריק —
איר זייט באַנקראָט ! ?

ר׳ עמנואל

איז וואָס איז דאָ דער מער ?
צו גלויבן, אַז די אויסלייזונג וועט קומען
גערופן האָט אונדז דאָך דער הייליקער
ר׳ שלמה מולכו דורך געבעט און פאַסטן.

ר׳ יחיאל

ר׳ שלמה דער בן־תורה, שלמה מולכו ! !

ראובני

דער בן־תורה ? . . . נאָר ס׳האָט תורה בלויז
אָן וואָפן קיינמאָל ניט געזיגט. פאַרזאָגט
עס האָבן אייך אַמאָל די אבות: טראָגט
דעם אַזאָג אַנדערן דער וועלט ניט נאָר

מיט גלויבן — שיצן מוזט איר אים מיט קאַמף,
ווי עס באַשיצט אַ פאָלק זיין לאַנד.

ר׳ אמנון

כי זה חיך וארך ימיך.

ראובני

דערפאַר בלויז לעבט איר אַלץ נאָך, ווי אַ פאָלק.
דערויף האָב איך דאָך שווערד־און־ביקס אין האַנט
געגעבן אייך. פיל נייע לענדער מען האָט
אַנטדעקט אַצינד, נאָר ניט אַנטדעקט מען האָט
דעם נייעם מענטשן נאָך — איז קומט . . . איז קומט
מיט מיר אין שלאַכט פאַר אונדזער גלויבן אין —
דעם מענטשן פון די קומענדיקע טעג.
ווער גייט מיט מיר ?

ר׳ יחיאל

עס זאָגט עפּעס דער קדוש !

(בויגט־צו זיין אויער צו ר״ אמנונען)

שבתי

(שטויסט אָפּ ר״ יהיאלן, בויגט זיך אַן צו ר״ אמנונען)

ער זאָגט : עס איז גערעכט דער העלד, אַליין
דער קדוש וואָלט געדריקט דעם העלד די האַנט
ווען היייליקייט זאָל האָבן הענט.

(שטיל. אייניקע פון ר׳ אמנונס באַגלייטער באוואפענען זיך און שטעלן זיך אויס אין שפּיץ מיטן קופּערשמיד, שבתין, אינוואליד און דינהן)

ראובני

(צו די באוואפנטע)

איר זייט מיין פאָלק ! און אייער אַלטן וואונטש
האָב איך אין האַרצן ביי זיך געטראָגן, ווען
פאַר לענדער פאַרגעשטעלט איך האָב זיך דאָ
אַלס פּרינץ פון אייער לאַנד. ניט אויסגעטראַכט

איז דאָס געווען — באַנייט האָב איך דעם טרוים
פון דורות :   אייגענע פיר איילן קומט
אַ פאָלק ניט נאָך זיין טויט בלויז, נאָר אין לעבן !
און איצט די קליידער פון אַ פרינץ איך וואַרף
פון זיך אַראָפ — ווי שאָלעכץ פונעם יאָדער —
אַ ייד ! . . .   צו שמאַטעס צוגעווייַנט איז ער,
און שמאַטעס בלייבט די קליידונג פון מיין פאָלק
ביז קומען וועט דער נייער מענטש און וועט
פאַר אַלץ באַצאָלן.   ניט קיין פרינץ ! . . .   איך בין
צוגלייך מיט אייך אַ ייד אַ פשוטער
אין שמאַטעס . . .   נו ? — אין שלאַכט !
(מיט בלויזער שווערד לאָזט ער זיך בראש פון די באוואפנטע אין שלאכט)
דו קעמפסט מיין פאָלק — דאָס הייסט :   דו לעבסט, מיין פאָלק!
(פארשטיינערט קוקט דער עולם ארום דעם קדוש, ווי זיי ווערן פאר־
שווינדן לינקס, פון וואנען מען הערט, ווי די שלאכט פארשטארקט זיך)

איינער

(וואס קוקט אין שפאקטיוו ביי די הארמאטן)
אַ שיפל פול מיט פאָרטוגאַלער שווימט
אַהערצו פון די פאָרטוגאַלער שיפן !
(דער עולם לאזט זיך נעענטער צום בארט)

אַ צווייטער

(קוקנדיק אין שפאקטיוו)
אַ פרוי, איך זע, דאָרט שטיין אין שיפל !   אַ פרוי !

עלצטער

(ביי די הארמאטן)
ניט צולאָזן אַהער דאָס שיפל !   ניט צולאָזן !
(מען צילט אן אהין די הארמאטן)

איינער

(פונעם עולם)
און אפשר איז דאָס די ישועה גאָר ?

אַלע

(צו דער מאַנשאַפֿט)

ניט שיסן! . . . ניט שיסן! . . .

(מען הערט, ווי עס פֿליעסקען רודער און ווי אַ שיפֿל שטויסט זיך אָן אין באָרט)

אַ קול

(פֿון שיפֿל)

אַ לייטער לאָזט אַראָפּ!

(מיטן אַראָפּגעלאָזטן לייטער הייבן זיך אויף אויפֿן שיף־דעק צוויי באַוואָפֿנטע פּאָרטוגאַלער און אַ פֿרוי פֿאַרהילט אין איר שלייער. דער עולם טרעט אָפּ צוריק)

ר׳ עמנואל

(צו ר׳ יחיאלן)

אַן אישה!

(טרעט אַרויס פֿאָראויס צו דער פֿרוי)

ווער זייט איר? . . . זאָגט! . . .

די פֿרוי

אַ פֿרוי אַ יידישע.

(געמורמל צווישן עולם)

ר׳ יחיאל

(צו ר׳ אמנונען אין אויער)

אַ בת־ישראל!

(בויגט צו זיין אויער צו ר׳ אמנונען)

דער קדוש פֿרעגט: מקדש שם זיין דאָ
מיט אונדז איז זי אַהער געקומען?

ר׳ עמנואל

(צו דער פֿרוי)

נו זאָג . . .

די פרוי

צו שטאַרבן דאָ מיט אייך אינאיינעם,
אויב ניט מיט אייך אינאיינעם לעבן בלייבן.

(רייסט אראָפּ פון זיך דעם שלייער)

ר׳ עמנואל

עס איז די פרוי פון ברבנאל ר׳ שמואל!

ר׳ יחיאל

(ר״ אמנונען אין אויער)

אן אישת־איש!

בענווענידא

(ארומקוקנדיק זיך)

דער פּרינץ . . . וואו איז דער פּרינץ?

ר׳ עמנואל

זי פרעגט זיך נאָך אויף איר עבירה גאָר!
איר גלוסטעניש איז ער . . . איר גלוסטעניש!

ר׳ יחיאל

און אין אַ צייט אַזאַ גרויזאַמער!

ר׳ עמנואל

און אפשר איז זי גאָר די זינד, וואָס מיר
פאַר איר דאָ קומען אָפּ? . . . אין ים אַריין
זי וואַרפן!

(אלע טוען זיך א לאָז צו בענווענידאן, מען בינדט זי, מען הייבט זי אויף איבער די קעפּ פונעם עולם אויף אריינצוואַרפן זי אין ים און מען הערט ניט, ווי עס פארשטארקן זיך ליִנקס די שלאַכט־געשרייען· אויף א טראַנ־בעטל ברענגט מען פון דאָרט ראובנין א שווער־פארוואונדעטן און מען לייגט אים אוועק אין איין ריי מיט ר״ אמנונען. שבתי שטעלט אָפּ די עקזעקוציע אויף בענווענידאן. ביים שווערן שווייגן פון אלע ארומיקע גייט צו בענווע־נידא צו ראובנין. זי לייגט ארויף איר האַנט אויף זיין שטערן).

בענוועניִדא

וועך לאָזט דען אָפּהאַקן דעם קאָפּ זיך, ווען
די פּיס נאָך זיינען גאַנץ ?
דעם גרעסטן מענטשן
(צום עולם)
געלאָזט אין שלאַכט, אַליין געבליבן דאָ ?

שבתי

ניט רייד אַזוי צו יידן ! וואָרט ! . . . דעם ליך,
דעם ליך הער אויס : צו וואָס דען דאַרפן יידן
נאָך גרויסע מענטשן האָבן גאָר ? צו וואָס ? . . .
צום טויט ? . . . אַזוינעם שעצן איז פאַר זיי
צו גוט . . . גענוג פאַר זיי אויך איך — דער ליך !
דערום, אפשר, דערום, אין אָפּשפּעטן,
ביי לצים יידישע פאַרבאָרגן ליגט
פון תמיד אָן דער גרעסטער גלויבן . . . אָט זע :
די פירונג נעמט דער ליך אויף זיך איצט איבער.
(נעמט איבער די שווערד פון ראובנים האנט)
נו זאָג אין אויער אים, צו וואָס ביסטו
אַהער געקומען.

ראובני

זאָג ניט מיר — דעם קדוש.

בענוועניִדא

עס האָט מיין מאַן דון שמואל אויסגעפּועלט
דעם צוזאָג ביי די פּאָרטוגאַלער : אייך
מיט חסד וועט מען משפּטן, אויב נאָר
איר וועט זיך אונטערגעבן אַלע.

ר' יחיאל

חסד ! . . .
(געמורמל צווישן עולם)

ראובני

וואָס זאָגט דערויף דער הייליקער ר׳ אמנון ?

שבתי

(צובויגנדיק זיך צו ר״ אמנונען)

דאָס איז שוין די צוואה פונעם קדוש.

ר׳ אמנון

איך זאָג : אין שכנות זאָל מיין קבר זיין,
אין שכנות מיטן קבר פונעם העלד.

(שטאַרבט, מען וויקלט אים איין אין א טלית)

ראובני

איז קער זיך אום אַהין איצט, בענוועניִדא,
און זאָג די פּאָרטוגאַלער דאָרט : עס שטאַרבט
דאָס פאָלק, נאָר אונטערגעבן זיך עס וויל ניט —
עס איז אַזאַ מין פאָלק . . .

בענוועניִדא

דער לעצטער ענטפער ?

שבתי

דער ענטפער פונעם קדוש, פונעם העלד
און אויך אַפילו פונעם לץ ביי יידן.

דינה

דער ענטפער פון אונדז אַלע, אַלע דאָ.

ראובני

(צו בענוועניִדא)

און דו צום מאַן צו דיינעם קער זיך אום
און מוטער ווער ביי יידן. איך באַפעל
דאָס דיר — דאָס פאָלק וויל ווייטער לעבן . . . גיי !

בענווענידא

בײ ייִדן ווערן איצט אַ מוטער ? . . . און קראַפט
דערויף פונוואַנען זאָל איך שעפּן ?

ראובני

פון אונדז,
פון אונדזער אומקומען אַט דאָ מיט שטאָלץ
פאַר אייער ווייטערדיקן לעבן . . . גײ ! . . .

(בענווענידא — אָפּ מיט די צוויי פּאָרטוגאַלער)

ראובני

שבתי ! . . . די שלאַכט פיר ווייטער . . . מײַן צוואה
דורך דיר איך לאָז, איך שטאַרב : „דו קעמפסט, מײַן פאָלק,
דאָס הייסט — דו לעבסט, מײַן פאָלק.

(מען וויקלט אים איין אין דער פאָן, וואָס מען לאָזט אַראָפּ פונעם מאַסט־בוים. אַ טייל עולם שטייט מיט געבויגענע קעפּ אַרום ראובנין און אַ טייל — מיט געבויגענע קעפּ אַרום ר״ אַמנונען. די פּאָרטוגאַלער הייבן אָן באַשיסן די שיף מצד דעם ים. די שיף הייבט אָן זינקען. דער טייל פון עולם, וואָס אַרום אַמנונען, זינגט :

„מי יחיה ומי ימות״ א.אז.וו.

יענע, וואָס אַרום ראובנין לויפן אַראָפּ פון דער שיף אין שפּיץ מיט שבתין)

שבתי

אין שלאַכט ! דו קעמפסט מײַן פאָלק, דאָס הייסט — דו לעבסט מײַן פאָלק !

(לויפט אַוועק מיט די באַוואָפנטע לינקס צום שלאַכט־פעלד).

ש ל ו ס